STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09990

GUT MORGN DIR, VELT

Aaron Krishtalka

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די יידישע קהילה פון פעטאלומא קאליפארניע 1920-1970



Yiddish Community

Petaluma, California

אהרן קרישטאַלקע

גוט מאָרגן דיר,



1953 מאָנטרעאל

שער־בלאט געצייכנט פון אַוראָם.
אָרנאַמענטן צו זייטן 77-55 פון מיכאל יאָ.

Gut Morgn Dir, Velt

(Good Morning To You, World)

by A. KRISHTALKA

Copyright 1953

MONTREAL, QUE., CANADA

דאָס בוך דערשיינט צום דרייצנטן געבוירנטאָג פון יונגן מחבר
און איז געדרוקט אין א באגרעניצטע צאָל עקזעמפּלארן

געדרוקט אין נאָרטערן פּרינטינג
און ליטאָגראַפינג קאָמפּאַני
מאָנטרעאל — קאנאדע

Printed in Canada 27

מיינע טייערע טאטע־מאמע —
מיינע לערער און אָנרעגער
מיט ליבשאַפֿט — אַ מתּנה.

ז. ווײַנפּער

אהרן קרישטאַלקע

דער נומער „יידישע קולטור" מיט דעם אויסצוג פון אהרן קרישטאַלקעס פּאָעמע „דאָס פישער דאָרף" און זיין בילד, האָט מיך געטראָפן אין לאָס-אַנדזשעלעס, און עס איז געווען אַזוי רירנדיק צו אָבזערווירן די פריידיקע נייגעריקייט מצד אונדזערע יידיש-לייענער:

— אַזוי, אַזוי, איז הייסט דאָס נאָך דאָ אַ האָפענונג!

— ווער זשע איז אָט דאָס יינגל?

— טאַקע נישט מער, ווי דרייצן יאָר?

— אַז ער איז טאַלאַנטפול איז גאָר קיין פראגע נישט, אָבער אַז אַ געבוירענער אין קאַנאַדע זאָל שאַפן אויף יידיש, איז דאָך...

מיר איז נישט געווען קשה דער גרויסער נייגער און אינטערעס, וואָרעם איך ווייס געוויס, ווי שטאַרק אונדזערע יידישע מענטשן זענען באַזאָרגט און אומרואיק וועגן דעם מאָרגן פון אונדזער יידיש לשון, און דאָ פּלוצלונג אַזאַ מתנה, און איך האָב דערפאַר מיט גרויס פרייד אין מיין אייגענעם געמיט געגעבן אינפאָרמאַציע וועגן אָט דעם אָנקומענדיקן יידישן פּאָעט אויף אונדזער יידישן לשון, און הערביי איז אין מיר פּערזענלעך אָפּגעווישט געוואָרן אַ ספק, וואָס האָט געגראַבלט דעם באַוואוסטזיין אַ לענגערע צייט.

דער ספק, וואָס האָט מיך געגראַבלט איז געווען וועגן דער ראַטזאַמקייט, צי אָט די זאַמלונג זאָל דערשיינען. איך האָב אָט דעם ספק אויסגעדריקט צום פאָטער פון דעם יונגינקן פּאָעט, — מיין גוטן חבר און לאַנגיאָריקן יידישן קולטור-טוער שלום קרישטאַלקע.

— וועט אהרן זיין צופרידן אין די שפּעטערדיקע יאָרן פון רייפקייט, מיט דער איצטיקער זאַמלונג?

אָט אַזוי האָב איך געפרעגט, אָבער איצט פרעג איך נישט מער. איך בין זיכער, אַז זי דאַרף דערשיינען.

אומבאַדינגט דאַרף זי, ווייל מיט איר דערשיינען וועט זי ברענגען דורך זיך נישט נאָר דעם אָנזאָג פון אַן עכטן, קוואַליקן טאַלאַנט, וואָס האַלט אין אָנקומען צו אונדז, נאָר אויך, אַז אונדזער טייער יידיש לשון קאָן איבערגענומען ווערן פון דעם אָנקומענדיקן דור מיט דעם גאַנצן זאַפט, וואָס איז אין דעם.

אַ סימן?

„גוט מאָרגן דיר וועלט" און דווקא אויף אונדזער יידישן לשון, פון דעם דרייצניאָריקן אהרן קרישטאַלקע, וואָס כאָטש זיין געבורט און הערציאונג איז — מאָנטרעאָל, קאַנאַדע, איז זעט מיט אייערע אייגענע אויגן און הערט מיט אייערע אויערן, וואָס אַ היים — סביבה קאָן דערגרייכן.

ב.

איז טאַקע וועגן דער סביבה פון אָט דעם יונגינקן פּאָעט אויף אונדזער יידישן לשון, וואָס איך וועל זיך דאָ באַזונדער אָפּשטעלן.

די שווערד אין האַנט צעבליצט,
דער קאַמף פאַר פרייהייט און ציין פאַרקריצט.
אין די געבערגן, וואו אָדלערס שוואַרצע קרייזן
הייפעלעך יידן זיך באַווייזן, —
פויערים אָרעמע, — ווער מיט אַ קאָסע און ווער מיט אַן אייזן.
לאָזן אַראָפּ זיך אויפן גריד, ווי אַ פויסט פון שטאָל,
ווי צערייצטע לייבן אויפן שונא אין טאָל.

דאָס זענען שורות פון דעם דרייצניאָריקן אהרן קרישטאַלקעס אַ גרע־סערער פּאָעמע — „מתתיהוס צוואה" און געווידמעט איז די פּאָעמע דעם זיידן ר' אברהם און באָבען גיטל, מיט ליבשאַפט.

איר פאַרשטייט ? דעם זיידן און באָבען מיט ליבשאַפט, און ווער עס קען אָט דעם זיידן מיט דער באָבען, ווייסט, אַז די ליבשאַפט האָבן זיי נישט גע־קויפט ביים אייניקל מיט צוקערקעס, נאָר מיט דער גרויסער און רייכער ירושה, וואָס זיי האָבן אָנגעקליבן פאַר זייערע יורשים.

און אויך די יורשים זענען דיר נישט קיין „אַבי־ווערס".

איינער פון אָט די יורשים איז דער טאַלאַנטירטער דיכטער און עסיי־איסט שלום שטערן, וואָס איז אַ ברודער צו דער מאַמען פון דעם יונגינקן פּאָעט, און די מאַמע שפרה — אַ יידישע לערערין און קולטור־טוערין. וואָס שייך דעם פאָטער, שלום קרישטאַלקע, איז ער נישט נאָר אַ בן־תורה, נאָר אַזוי פאַרליבט אין איר, אַז נישט קוקנדיק אויף זיין שווערער אַרבעט טאָג־טעגלעך אין אַ פאַבריק, איז זיין לעבן געווידמעט אין אומדערמידלעכער טואונג, אַז אונדזער יידישע קולטור זאָל שיינען, ווי אַ נר־תמיד.

ג.

איך קען אהרנען, אָדער „אַרעלען", ווי איך בין געוואוינט אים צו רופן, זינט ער איז אַלט געווען אַ יאָר דריי.

ער איז איינער פון דריי ליבע קינדער אין דער קרישטאַלקע משפחה,— אַן עלטערע שוועסטער און אַ יינגער ברודערל.

די שטוב איז נישט נאָר אַ באַקיכערטע אין די שאַפעס, נאָר אויך אין דער גאַנצער לופט און אוודאי אין די געמיטער.

אינאיינעם מיט די ביכער און ספרים פון די בעסטע יידישע שריפט־שטעלער און מחברים, איז אויך דאָ אין שטוב אַ היפּשע ליטעראַטור פון דער אייגענער משפּחה גופא. ספרים און ביכער אויף העברעאיש און יידיש פונעם באַליבטן זיידן, וויכטיקע פּאָעטישע ווערק פון דעם פעטער שלום שטערן און דאָס זעלבע פון די אַנדערע פעטערס, ווי יחיאל שטערן און יעקב זיפּער. צו די ספרים און ביכער קומען אויך צו די פּאָרטרעטן פון יידישע פּערזענלעכקייטן אויף די ווענט, און קיין יידישע מוזיק פעלט אויך נישט,— אַזאַ שלל פון יידישע רעקאָרדן איז זעלטן צו געפינען.

הכלל, עס איז שוין גאָרנישט קיין צופאַל דעם יונגן אַרעלעס זיך פילן היימיש אין דעם יידישן לשון, — עס איז דאָס לשון אין וועלכן ער לעבט זינט זיין געבורט.

ד.

וועט אהרן קרישטאַלקע אין זיינע יאָרן פון רייפקייט זיין צופרידן מיט אָט דער זאַמלונג?

ניין. ער וועט נישט זיין צופרידן, און עס וועט זיכער זיין גוט, וואָס ער וועט נישט זיין צופרידן.

אָבער איז יעדער אַנדערער דיכטער דען צופרידן אין זיינע שפּעטער־דיקע יאָרן פון זיינע ערשטע פּאָרמעסטן?

עס איז דאָך קלאָר, אַז אין באַרג־אַרויף איז יעדער טראָט צו דער הע־כערקייט אָפטמאָל אַ נעגאַציע פון דעם פריערדיקן, אָבער אָט די נעגאַציע איז נישט שטענדיק חל אויפן אָבזערווירער, וואָרעם עס טרעפט זייער אָפט, אַז דער אָבזערווירער געניסט דווקא מער פון די ערשטע טריט, ווי פון די ווייטערדיקע.

און געניסן איז זיכער שוין דאָ איצט פון וואָס אין אָט דער ערשטער זאַמלונג פון דעם אָנהייבער אהרן קרישטאַלקע.

גוט מאָרגן דיר וועלט,
צעליכטיקט, צעהעלט.
איך האָב דיך צום ערשטן מאָל דערזען,
ווען איך בין אַ קליינער געווען.

איר הערט ווי רעלאַטיוו עס איז דער גאַנצער ענין פון עלטער?

ביי אייך און ביי מיר איז אַ דרייצניאָריקער דאָך אַ קליינער, אָבער ביי דעם דרייצניאָריקן אַרעלען, איז דאָס שוין פאַרבונדן מיט עלטער.

וואָס זשע וועט ער שוין זאָגן, ווען ער וועט קומען אין אייערע און אין מיינע יאָרן?

ה.

און זאָגן וועט ער זיכער אַ סך, אַ סך, מער און טאַקע רייפער אויך, ווי ער זאָגט איצטער אין אָט דער זאַמלונג.

אויף דעם זאָגט עדות טאַקע אָט דאָס, וואָס ער האָט שוין איצט צו זאָגן:

שטייט דער מאָנומענט, קושט זיך מיט די הויכן,
קוקט אויף דער שטאָט אין אַ נעפּל פון רויכן.

דאָס זענען ביז גאָר פיינע שורות אין זיין אינטערעסאַנטער, גרעסערער פּאָעמע „מאונט ראָיאַל". אוודאי איז „מאונט ראָיאַל" נאָך נישט אויסגע־האַמערט אין אַלע זיינע דעטאַלן, אָבער טיילן פון אים זענען ביז גאָר פיין און זיי האָבן אין זיך סימנים פון אַ קומענדיקן מייסטער:

אין מערב דאָס קאָרן און ווייצן,
ווי גאָלדענע כוואַליעס זיך וויגן אין טאַנץ, —
באַלד וועלן זיי צו די מילן פליצן
און עס וועט זיך מאָלן ברויט פאַר אַ פאָלק, אַ גאַנץ.

אָט אַזעלכע שורות טוען אייך אַ נעם, און איר קאָנט זיך פאַרגינען אַרי־בערגיין אַ צאָל לויזקייטן און אומרייפקייטן, וואָס זיינען אומפאַרמיידלעך ביי אַ פרישן, ערשט נאָר וואָס זיך דורכרייסנדיקן קוואַל, וואָס האָט נאָך נישט באַוויזן אָפּצושאַרן אַרום זיך דאָס ווילד־גראָז, די שטיינדעלעך און די זאַמ־דעלעך.

דאָס זעלבע אין אַ צאָל אַנדערע לידער — ספּעציעל אין די גרעסערע פּאָעמעסטן.

אָבער די גרעסערע פּאָעמעסטן זיינען בפירוש איבערראַשנדיקע.

דאָס בעסטע פון די גרעסערע אַרבעטן איז זיכער די פּאָעמע דאָס „פישער דאָרף".

אַז דער יונגינקער אהרן קרישטאַלקע האָט אָן אויג פאַר דער נאַטור, איז צו זען אין די מערסטע פון זיינע קלענערע לידער, ווי „דער ערשטער שניי", „נאָכן רעגן", „עס שאַריעט אויף טאָג" און אין אַנדערע פון אָט דעם מין. אָבער אין דער פּאָעמע דאָס „פישער דאָרף" איז זיין אויג שוין היפּש אָנגעשאַרפט, — אין איר קומט אויך צום אויסדרוק זיין חוש פאַרן לעבן און געראַנגל אין דעם.

הכלל, עס איז דאָ. און דאָס, וואָס איז דאָ זאָגט עדות, אַז זיין וועט אַ סך מער, און אוודאי איז אַ גרויסע פרייד, וואָס דער אינסטרומענט פון אהרן קרישטאַלקע איז אונדזער טייער יידיש לשון.

הלוואי זאָל איך זוכה זיין צו שרייבן וועגן זיין שפּעטערדיקער רייפ־קייט, וואָס זאָל קומען צום לעבן דורך אונדזער זעלבן יידיש.

ניו יאָרק, אויגוסט 1953

שלום שטערן

אהרן קרישטאַלקע

דער סאַמער ייִנגסטער ייִדישער פּאָעט

די לעצטע פּאָר יאָר האָט אהרן קרישטאַלקע אָנגעהויבן נעמען ערנסט זיין ליד. מען האָט דערפילט, אַז דאָס שרייבן לידער איז שוין ביי אים מער נישט קיין צייטווייליקער פרואוו. ער איז אַרויס פון דעם גדר פון אַ וואונדער־ייִנגל, וואָס קאָן זיך אויסצייכענען מיט פאַרפאַסן געגראַמטע שורות.

מיר האָבן דערקאַנט אין אים דעם פּאָעט, וואָס שטעלט שוין צו זיך פאָדערונגען. דער וואונדער פון פּאָעטישן טאַלאַנט האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אונדז, דורך פאַרשידענע פערזן, ווי אויך דורך די שיינע, שטילע און האַרציקע קינדער־לידער, וואָס קומען אַריין אין בוך אונטערן נאָמען „חיימלס וועלט”. אין אַ צאָל פון זיי זינגט אַזאַ פריידיק, קינדערישע פאַרגאַפונג, וואָס ביי אַ פאַרזיכטיקן אָפקלייב, וואָלטן זיי געקאָנט אַריינגענומען ווערן אין אונדזערע טעקסט־ביכער, און וואָלטן אַרויסגערופן די ליכטיקסטע שמייכלען אויף די פּנימלעך פון אונדזער קליינוואַרג:

חיימל איז געלעגן אין בעט,
און איז אַנטשלאָפן געוואָרן.
האָט זיך אים געחלומט,
ער איז צו דער לבנה געפאָרן.

נישט פון שטיינער די לבנה,
ווי די באָבע האָט אים דערציילט.
נאָר פון צוקער, מילך, האָניק,
גאָרניט האָט אים דאָרט געפעלט.

אין שול גייען עלטערן,
זיידעס מיט ווייסע בערד.
און דער לערער איז אַ ייִנגל,
וואָס צען יאָר ערשט ער ווערט.

פון ליד צו ליד, אין דער דאָזיקער קינדערישער וועלט, געפינט איר דעם אומעט און די פרייד פון קינד, זיינע קליינע זאָרגן און באַגערן:

כאַטש איין צוקערקע אַ וואָך,
ווילט זיך אים זייער עסן.
נאָר דעם דאָקטערס רייד,
טאָר ער ניט פאַרגעסן.

אַן אייז־קרעם יעדן טאָג,
שמעקט אים זייער אָן.
אָבער דער דאָקטער האָט פאַרבאָטן,
וואָס זשע קען ער טאָן?

הגם, איר קאָנט ממש אָנטאַפּן דעם איינפלוס פון פאַרשידענע פּאָעטן אין זיין ליד „די חתונה", פאַרכאַפּט אייך פאָרט די בילדלעכקייט און די ריטמישקייט פון אַזעלכע שורות געזונגען אין פאָלקס־טאָן:

איינער ברענגט די הינער,
אַ צווייטער ברענגט דעם האָן.
די מאַמע באַקט קיכעלעך,
מיט צוקער און מיט מאָן.

עפּעלעך און באַרעלעך,
און פרוכט אַ פולן בוים.
באַנאַנעס און וויינטרויבן,
דער דיל האַלט זיך קוים.

מיר האָבן אין אַזעלכע, און אין ענלעכע לידער דערזען, ווי אַזוי, דער סאַמע יינגסטער פּאָעט ביי אונדז, שטעלט זיינע ערשטע טריט. עס האָבן אָנגעהויבן אַרויספינקלען פּאָעטישע פערזן, ווי: „גורגלט דאָס וואַסער אַרויס פון די קוואַלן"; „די פעלדער באַשטערנט מיט בלומען". מיר זענען דורכגעציטערט געוואָרן מיט דער שטילער פרייד, וואָס עס ברענגט מיט זיך יעדער יונגער טאַלאַנט. און כאָטש אהרן קרישטאַלקע איז נאָך גאָר יונג, ער איז היינטיקן יולי געוואָרן דרייצן יאָר אַלט, האָבן מיר אָנגעהויבן באַוואונדערן זיין שפּראַך-רייכקייט, זיין קלאָרקייט פון אויסדרוק. זיין וואָרט איז אַי בילדלעך און טרעפלעך צו דער שטימונג, אַי עס פּאַסט זיך אַריין אין דער שילדערונג.

דאָס וואָלט אָנגעזאָגט אויפן אָנקום פון אַן עכטן דיכטער, אפילו אין אַזעלכע מקומות, וואו יידיש איז געווען דאָס נאַטירלעכע, זאַפטיק־גערעדטע לשון פון דער היימישער היים און וואַרעמער גאַס.

מיר האָבן דעריבער פאַר זיך אַ יונגן דיכטער, וואָס פאַרדינט די וואַ־רעמסטע אויפמערקזאַמקייט און חברישסטע באַציאונג פון יעדן איינעם פון אונדז, וואָס זוכט די שפורן פון המשך אין אונדזער יידישער ליטעראַטור, און פרייט זיך באמת מיטן אַנטפּלעקן זיך פון אַ נייעם דיכטער.

אַזוי אַרום איז דאָס דערשיינען פון אהרן קרישטאַלקעס „גוט מאָרגן דיר וועלט", אַ דערמוטיקונג פאַר אונדז אַלעמען. אַן אָנזאָג, אַז עס איז מעג־לעך דער וואונדער פון יונגע, נייע טאַלאַנטן אויפן היגן באָדן. עס אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז אַליין דער ווערט און די ווירקונג פון אַן עכטער, פּראָגרע־סיווער יידישער דערציאונג. און הגם עס איז אמת, אַז אהרן קרישטאַלקע האָט אין הויז פון זיינע עלטערן די געוואונטשענע אַטמאָספערע צו שאַפן אויף יידיש, איז אָבער גלייכצייטיק אויך אמת, אַז ער איז דורכאויס אַ פּראָ־דוקט פון די פּראָגרעסיווע, יידישע מאָריס ווינטשעווסקי שולן, וואו ער האָט געקראָגן אַ גרינטלעכע, פּראָגרעסיווע, יידישע דערציאונג.

עס איז דעריבער נישט קיין צופאַל, וואָס ער רופט זיך אָפּ מיט זיין ליד, אויף די סאַמע וויכטיקסטע, אַרומיקע געשעענישן. ווארים ביי אים איז שאַרף אַנטוויקלט דאָס געפיל צו קעמפן פאַר אַ יושרדיקע וועלט. ער איז וואַך מיט אַלע זיינע חושים צו די ליידן פון זיין פאָלק, צו די ליידן און קאַמפן פון די אַרבעטנדיקע און פאָלקס־מאַסן: דערפאַר די פאַרשידנאַרטיקייט פון מאָטיוון און שטימונגען. ער איז דער סאַמע יונגסטער מקונן אויפן חורבן פון אונ־דזער פאָלק, דער באַווייגער אויפן אומקום פון די יידן אין די מאַידאַנעקס, אין דער וואַרשעווער געטאָ, און גלייכצייטיק דער באַזינגער פון די העלדישע געטאָ־קעמפער. זיין טרער און פּראָטעסט אויפן פאַרברענען דעם נעגער „ווילי מעקגי", פאַרן צעשלאָגן דעם „פּאַסטאָר מען". די אַנדערע לידער־אָפּרופן וועגן אַזעלכע גרויזאַמקייטן אין דער וועלט, באַווייזן, אַז אהרן קריש־טאַלקע וועט זיך נישט איינשרומפּן אין זיין אייגענער „געפילס וועלט". בלויז אַ געפילספּולער דיכטער וואָס איז אָנגעזאָפּט מיטן פאָלקס־ווייטיק, קאָן אָנ־שרייבן אַזעלכע שטילע דורכגעפילטע שורות, אויסמאָלנדיק זיך די קברים פון אונדזערע קדושים:

טויט,
די ערד גרוילט.
ווער וויינט אזוי?
דאָס קבר־פעלד
באַטרערט מיט טוי.
אַ טויטע וועלט פון קינדער
איינגעקנוילט.

פאַראַן שוין ביי אים פערזן, וואָס איבערראַשן אייך מיט זייער פשטות און בילדלעכקייט. מיר טרעפן זיי איבערהויפט אין זיינע נאַטור־לידער. דאָרטן, וואו ער שרייבט נישט אונטער דער אימפּעטדיקער שטימונג, נאָר אין שטילער פאַרטראַכטקייט. אייניקע סטראָפן אין זיין ליד „דער ערשטער שניי", זענען נישט בלויז מעלאָדיש, נאָר אויך נײ אין דער שילדערונג:

דער ערשטער שניי
ווי אַ בלאַט פּאַפּיר,
וואָס שפּרייט זיך אויס
פאַר יעדער טיר.

דער ערשטער שניי,
פאַלט קלעפּיק נאַס.
ווי ווייסער קליי,
באַשוימט די גאַס.

טיילמאָל גיט זיך אים שוין איין אפילו דורך אימפּעט מיטצורייסן אונדז, און גראָד דורך האַסטיקער ריטמישקייט:

פּסח, וואַרשע, חודש ניסן...
אנשטאָט וויין צו גיסן,
האָבן ביקסן זיך צעקנאַלט
אויפן העקער פון וואַלד,
אויפן קוילער, אויפן שעכטער,
אויפן ברוינעם „רייכס־וועכטער".

ער האָט אויך ליב זיך צו שפּילן אין דער וועלט, וואו מען משלט זיך אַלצדינג אויס, לויט די טואונגען פון חיות, און די „טראַכטעניש" פון דומ־מים*; מיין איינדרוק איז, אַז דאָס אַלץ איז נאָר אַ פּרעליוד צום ליריש־עפּישן

* נישט־לעבעדיקע זאַכן

ליד, צו וועלכן, מען פילט, עס ציט שטאַרק דעם אָנהויבער־דיכטער אהרן קרישטאַלקע.

אָט די נטיה זיינע צו עפּישקייט, זעען מיר אין זיינע ערשטע פּרוואוון, ווי דאָס „פישער דאָרף", מאונט ראַיאַל", „דער מאָנומענט".

געוויס רעדן מיר דאָ נישט פון קוואַליטעטן, הגם אויפן „פישער דאָרף" קאָן מען מיטן גאַנצן האַרצן זאָגן, אַז עס איז אָן שום ספק אַ פּאָעטיש־עפּישע זאַך. אפילו די אַנדערע צוויי, וואָס ליידן מער פון דער אומבאַהאָלפנקייט און צעצויגנקייט, האָבן אין זיך פּאָעטישקייט, און מען דערפילט די באַגאַבטקייט פון קאָנען שילדערן דאָס דרויסיקע, דורך עכטע בילדער:

גיי וויטער, עס שלענגלט זיך דער וועג דורך טורעמדיקע ריזן־שטיינער,\
געשניצט אין גרויען,\
ווילן דערלאַנגען מיט די שפּיציקע גראַניט־קעפּ צום הימל בלויען.

די זון קעגן באַרג — אַ קנעפּעלע ליכט,\
קעגן אַ באַביימערטן ריז אַ שטומען

אוועק פון די שטויביקע גאַסן און רויכן,\
רוען אין די אָ ר ע מ ס פון די קילנדיקע הויכן.

אין דער דיכטונג איז אייגנטלעך נישטאָ קיין אונטערשיד צווישן לירישן און עפּיש־לירישן ליד. אַ קליין ליד פון עטלעכע פערזן קאָן קוואַליטאַטיוו זיין אַ שלימותדיק גרויס קונסט־ווערק, און אַ גרויסע עפּישע פּאָעמע, נישט גענוג אויסגעמייסטערט, קאָן גאָר שטיין אויף אַ נידעריקער מדרגה. עס גייט אין קוואַליטעט, און נישט אין דער קוואַנטיטעט. אָבער וואויל דעם דיכטער, וואָס קאָן וועבן דאָס ליד מיט אָט די שטאַרקע פיל־פאַרביקע פעדים.

מיר קאָנען דעריבער דערוואַרטן, אַז אהרן קרישטאַלקע, ווען ער וועט רייף ווערן, וועט ער זיין אַ ליריש־עפּישער פּאָעט, און ער וועט אויסציטערן זיין ליד אויף מער, ווי אויף איין סטרונע, און נישט בלויז אויף יידיש, נאָר אויך ענגליש, וועט ווערן זיין שעפערישער שפּראַך־אינסטרומענט. דאָס וועט זיין נאַטירלעך, פאַר אים, דעם הי־געבוירענעם, ווי עס וועט זיין נאַטירלעך פאַר אים צו פירן אונדז טיפער אין היגן יידישן, ווי אין אַלגעמיינעם, קאַנאַדישן לעבנסאַרט. מיר קאָנען פון דעם זיין זייער צופרידן, מחמת ער קאָן ווערן די האָפענונג, אַז מיט דער צייט וועט אויסגעטראָטן ווערן די גרינע סטעזשקע, וואָס וועט דערנענטערן אונדזער יידיש־שאַפן אויף יידיש מיטן

אַלגעמיינעם, קאַנאַדער שאַפן אויף ענגליש. עס וועט זיין דער נאַטירלעכער וואוקס, אין זיין גאַנג זיכערער, ווען ער וועט שעפן פון ביידע קוואַלן, און ווערן דער קאַנאַדער, פּראָגרעסיווער, יידיש-ענגלישער פּאָעט.

עס קאָן זיך אויסדאַכטן, אַז מיר לייגן אַרויף אַ צו גרויסן עול אויפן דרייצניאָריקן אהרן קרישטאַלקע, וואָס האָט קליינערהייט ליב געהאַט זיך צו שפּילן אין גראַמען. עס איז דעריבער גוט צו דערקענען, אַז ער האָט זיך שוין אַרויסגעריסן פון דעם שפּיל פון געגראַמטע שורות, און נעמט אויף זיך די אחריותן פון אַ דיכטער.

געוויס, אַ בוך לידער אַרויסצוגעבן אין אַזאַ יונגן עלטער, איז פאַר־רעכנט פאַר אַ טריבונע, וואו מען לערנט זיך אַליין, וואו מען האָט די מעג־לעכקייט זיך אַליין, צו דערציען מיט אַלע מעלות און חסרונות. דערצו איז עס אַ דערמוטיקונג פאַר אַ יונגן דיכטער. עס שאַפט אַרום אים אַ וואַרעמקייט. דאָס איז גאָר נויטיק און וויכטיק פאַר יעדן אָנהייבער. אודאי, פעלט אים נאָך דאָס וויסן, וואָס נישט צו שרייבן, ווי אַזוי צו באַאַרבעטן אַ פערז, אַז דאָס תוכיקסטע זאָל בלייבן. עס פעלט אים בפירוש פּאָעטישע געניטשאַפט. אָבער אויף דעם אַרבעט אַ פּאָעט זיין גאַנץ לעבן. עס זענען פון די זאַכן אויף וועלכע מען זאָגט: דברים שאין להם שיעור. נישטאָ קיין גרעניץ, קיין גע־נוג און צופרידנשטעלן זיך. דער עכטער דיכטער איז תמיד אומרואיק, תמיד נייגעריק און תמיד אומצופרידן מיט דעם, וואָס ער האָט נישט דערגרייכט. דאָס טרייבט אים צו פאַרמעסטן, צו אַרבעטן איבער זיך, צו מייסטערן זיין ליד. מיר פילן, אַז דורך קינסטלערישע אָנשטרענגונג, וועט ער מיט דער צייט דערגיין צו שלימות, צו דערקענען זיינע שעפערישע כוחות און געהע־ריק זיי אויסנוצן.

מיר קאָנען אָבער מיט פרייד זאָגן, אַז אין „גוט מאָרגן דיר וועלט" זע־נען שוין דאָ אייניקע לידער, וועלכע די יוגנט וועט נישט פאַרשעמען די רייפע עלטער.מיט יאָרן שפּעטער, בעת אהרן קרישטאַלקע וועט מאַכן אַן אָפּקלייב פון זיינע שאַפונגען, פאַר אַן אייגענער אַנטאָלאָגיע, וועט ער גע־פינען לידער אין דער איצטיקער ערשטער זאַמלונג, וואָס וועלן זיין רעפּרע־זאַנטיוו פאַר זיין איצטיקן פּעריאָד.

דאָס בוך „גוט מאָרגן דיר וועלט" גייט איצטער איבער אין רשות פון דעם קליינעם קרייז לייענער פונם יידישן ליד, וואָס מיר האָבן זיך דער־וואָרבן. און אָט דער געטרייער לייענער, וואָס האָט ליב און פרייט זיך מיט יעדן נייעם טאַלאַנט, וואָס באַווייזט זיך ביי אונדז, וועט געוויס מיט אמתער וואַרעמקייט אויפנעמען דאָס ליד פון אהרן קרישטאַלקע, דעם סאַמע ייִנגסטן און פיל צוזאָגנדיקן דיכטער, וואָרים, עס איז, אָן ספק, אַז זיין טאַלאַנט און זיין ליד וועלן זיין אַ ברכה פאַר אונדזער יידישער דיכטונג אומעטום.

מאָנטרעאָל, אויגוסט 1953

עס שאַריעט אויף טאָג

ע, זע, ווי עס שאַריעט אויף טאָג אין דער ווייט,
איבער ימען, געבערגן און פלאַכן.
די זון האָט זיך פון וואָלקנס באַפרייט,
זע, זע, די שטראַלן זיי לאַכן.

די זון שטרעקט אויס אירע פינגער — די שטראַלן,
צעשאַרט די נאַכט אויף די זייטן.
גורגלט דאָס וואַסער אַרויס פון די קוואַלן,
צום טאָג וואָס קומט אָן פון דער ווייטן.

די כמאַרעס רוקן זיך שרעקעדיק אָפ,
און ווערן צעגאַנגען, צעשוואומען.
די זון קוקט אויף די פעלדער אַראָפ,
דערפרישט און דערוואַרעמט די בלומען.

די נעסטן פון פייגל צעוועקט און צעוואַכט,
זינגען אַ לויב דעם באַגינען.
עס שאַריעט אויף טאָג, פאַרשוואונדן די נאַכט,
די וואָלקנס זיי ווערן צערינען.

קריכט דאָס ליכט איבער הימל וואָס ווייטער,
די פעלדער באַשטערנט מיט בלומען.
די זון צעהעלט, צעפלאַמט ווי אַ שייטער,
דער טאָג איז געקומען, איז געקומען.

1952

פרילינג

פרילינג קומט,
פרילינג פרייד.
מיט גרינעם גראָז,
די ערד באַקליידט.

דער שניי צעוואַסערט,
דאָס אייז צעשטויסן.
ליבער גוטער פרילינג,
שפּילט זיך שוין אין דרויסן.

דער הימל אויסגעלויטערט,
פון די כמאַרעס גרויע.
אין הימל זיך באַווייזן,
קלאָרע פלעקן בלויע.

די ביימער די הוילע,
מיט בלעטער זיך באַדעקן.
די ערד די פוילע,
הייבט זיך אָן צו וועקן.

אויף די ביימער צווייגן,
די ערשטע שפּראָצן בליען.
און די פרילינג פייגל,
קומען שוין צו פליען.

די ליבע זון, די מאַמע,
וואַרעמט אוים איר צווילינג.
דעם ליבן הייסן זומער,
צוזאַמען מיטן פרילינג.

1952

האַרבסט

די הימלען פאַרגרויטע,
דער זונס מויל פאַרשטומען.
מיט די פענדזלען די רויטע
איז דער האַרבסט אָנגעקומען.

עס קומט דער האַרבסט,
בייט זיך די וועלט.
די בלומען פאַרוויאַנעט,
דאָס גראָז ווערט פאַרגעלט.

עס קומט דער האַרבסט,
מיט רעגן און ווינט.
די בלעטער פוןביימער,
ער רייסט און שינדט.

די בלעטער פון ביימער,
באַפּענדזלט מיט רויט.
דער זומער טאָג שיינער,
פאַרטונקלט, פאַרגרויט.

עס שלאָפן די גראָזן,
אונטער האַרבסטיקן ווינט.
די וואָלקנס אין הימל,
ווי פלעקן פון טינט.

דער הימל דער בלויער,
מיט וואָלקנס אַ הויף.
פאַרן ווינטער דעם טויער,
דער האַרבסט עפנט אויף.

די פייגל פֿאַרלאָזן,
די היים און די נעסט.
אַוועק פֿונעם ווינטער,
וואָס קומט באַלד מיט פֿרעסט.

דער האַרציקער זומער,
אַ ירושה לאָזט איבער.
די פֿאַרטרוקנטע בלעטער,
געהויפֿנט אין גריבער.

די ערד די פֿייכטע,
וועט זיי אַריינציען.
אין קומענדיקן זומער,
וועלן בלומען דאָ בליען.

1952

ש נ י י

זיי קומען מיר אַנטקעגן
די שנייעלעך די ווייסע.
ווי אַ ווייסער פוך-רעגן,
און דערציילן מיר אַ מעשה.

פון די וואָלקנס און די ווינטן,
וואָס יאָגן אין דער הייך.
זיי גלעטן מיר דאָס פנים,
אַזוי צאַרט און ווייך.

יעדעס פלאַטערל — אַ וואָרט,
פונעם ווינט צוגעפייפט.
אַ שנייעלע — אַ ווייסער טאָרט,
דער ווינט — אַ מעסער אָנגעשלייפט.

מיינע פיס אויף זיי טרעטן,
צעקוועטשן די ווייסע שטערן.
זיי ביי מיר זיך בעטן,
זאָל פון אונדז אַ שניי-קויל ווערן.

פאַלט דער שניי, ווערט פאַרפרוירן,
אונטער פיס ער טרעשטשעט קאַלט.
דער ווינט וועבט אַ שניי-נעץ קלאָרן,
פאַלט דער שניי און פאַלט.

און מיט אַ זילבער שמייכל אינדערפרי,
באַגעגנט מיך די גאַס אין ווייס באַקליידט.
דער פראָסט גיט אין די באַקן מיר אַ גלי,
דער ווינטער מיך אין גאַס באַגלייט.

נאָוו. 1951

ש ל ו ם

איבער פעלדער האָט זיך די שטים צעקלונגען,
איבער ימען צעקאַלערט דאָס קול.
דאָס וואָרט „פרידן" האָט זיך צעזונגען
אין באַרג, סטעפּ, און טאָל.

פון צווייג צו צווייג אויף יעדן בוים,
צו יעדן גרעזל, יעדן אָרט.
צו יעדן גרינעם בלומען זוים,
שושקעט דאָס שלום וואָרט.

פלאַטערן טויבן אין אַ ווייסער קייט,
זייער געזאַנג הילכט אונטער הימלען:
„צווישן פעלקער קיין אונטערשייד",
וואָרקען שטיל זייערע שטימען.

ניט פאַרצערן וועט דער אָדלער אונדז אין הימל בלויען,
נאָר באַשיצן אונדז פון ווינט און שניי.
דער ראָב, זיין נעסט וועט פון אונדזערע אייער ניט בויען,
נאָר לעבן מיט אונדז ווי ברידער צוויי.

פלאַטערט די שלום-פאָן אויף יעדן באַרג,
ביי איר זייט, דער מענטש מיט סערפּ אין האַנט.
קלינגט זיין שטים איבער פעלדער שטאַרק:
„שלום, פון ראַנד צו ראַנד".

1951

ס

נאָכן רעגן

’איז דער רעגן ערשט געפֿאַלן,
און די ווייכע ערד באַנעצט.
אין גלימער פּיילן לעצטע שטראַלן,
די זון אין מערב שוין זיך זעצט.

רעגן האָט דאָס גראָז באַטויט,
טראָפּנס פּערל קרישטאַל גלאָז.
דער ווינט האָט זיי אַ סוד פֿאַרטרויט,
אין אַ שושקע זיי געלאָזט.

האָבן זיך די ווייצן גאַרבן
אין רויטן גאָלד צעשפּילט.
אין מערב, שפּרענקלען זונען פֿאַרבן,
בין השמשות דאָס פֿעלד פֿאַרהילט.

דער רעגן איז פֿאַרבייגעגאַנגען,
די לופֿט איז איצט פֿאַרשטילט.
סודען זיך די קאָרן זאַנגען,
און אַ פֿויגל ערגעץ שפּילט.

וואַלד און פֿעלד אין שלאָף פֿאַרזונקען,
און עס שטילט אויף ווייטע שטעגן.
די ערד, מיט וואַסער אָנגעטרונקען,
מיט דעם וואַסער פֿונעם רעגן.

און די טראָפּנס נאָך אַלץ רינען,
אין די שפּאַלטן טיף פֿאַרבאָרגן.
דערפֿרישט צו דער עבֿודה אין באַגינען,
צו אַ ליכטיקן, העלן מאָרגן.

1952

פרילינגדיק

עס טאָגט דער פרימאָרגן
אין זוניקן ליכט.
פאַרטרייבט די זאָרגן,
דעם חושך געדיכט.

עס שמייכלט די זון,
שעמערירן די שטראַלן.
ווי גליענדע בריליאַנטן,
טוי-טראָפּנס פאַלן.

ביימער אַלייען,
גרין צעבליט.
שטאָלצע זיי שטייען,
באַשטערנט מיט צוויט.

שושקען די צווייגן
אַראָפּ צו די גראָזן,
הענגען אין שווייגן,
ווען דער ווינט הערט אויף בלאָזן.

די רויזן זיך גריסן
מיט פאַרב רויטער.
און טייכעלעך פליסן
מיט וואַסערלעך לויטער.

1952

פישער דאָרף

עס וועקט זיך די זון אויפן ראַנד פונעם הימל,
טשוכעט זיך אויס פונעם נאַכטיקן דרימל.
וואַרפט אירע שטראַלן אויפן ים ברעג,
דאָס זאַמד איז מיט פרימאָרגן טוי באַדעקט.
דאָס שטראַלן־ליכט פאַרטרייבט די וואָלקנס גרויע,
עס ברומט אַ שטיל לידל דאָס וואַסער דאָס בלויע.
די כוואַליעס זיי שפילן, לאַכן און שטיפן,
קייקלען זיך און קאַטשען זיך אינעם ים דעם טיפן.

א

עס ווייסן זיך דעכער אין זונען ליכט העלן,
עס בלישטשען די שטראַלן, בריליאַנטענע קרעלן.
דאָס פישער דאָרף וועקט זיך פון ביינאַכטיקן שלאָפן,
די פענצטער, די טירן זיי שטייען שוין אָפן.
די פישער מיט היטלען איבער די וויעס,
מיט שטיוול ברייטע ביז צו די קניעס.
די פנימער מיט בערד און וואָנצעס באַדעקטע,
די הענט פאַרהאַרטעוועט, מיט מאַזאָליעס באַפלעקטע.
דער ים — זייער היים, די נעץ — זייער פריינט,
דאָס שיפל — דער געלעגער, דור דורות ביז היינט.
ביים ים איז דאָס לעבן, ביים ים איז דער טויט,
פון אים קומט פרנסה, פון אים איז דאָס ברויט.
די קינדער די קליינע מיט פנימלעך פאַרטרוימטע,
פליוסקען אין וואַסער, אין כוואַליעס באַשוימטע.
די טרוימען ברענען, פייערן און פלאַמען,
צו האָבן אַ שיפל און זעגלען אויף ימען.
גיין ווי די טאַטעס, ווי פישערס געקליידטע
פאַרוואַרפן די נעצן איבער ים־כוואַליעס ברייטע.

ב

גייט זיך דער פאַסטאָר שטיל און געלאַסן,
לענדט זיך אָן אויפן שטעקן,

און קוקט אויף די גאַסן.
זיי זיינען געמויערט פון אייגענע הענט,
באַשינדלט די דעכער, באַציגלט די ווענט.
אויסגעבויט דאָ אַ ישוב פון פישער אַ שיינעם,
זיי לעבן אין פרידן געשטערט דאָ פון קיינעם.
נישטאָ דאָ קיין ווייטיק, נישטאָ דאָ קיין זאָרגן.
יעדן זונטיק פרימאָרגן
ער לייענט זיי די ביבל איבער די הויפן.
די פישערס, זיי טייטשן זי אויס אויף זייער פשוטן אופן.
דער פאַסטאָר ער בענטשט זיי מיט יעדער מין ברכה,
און צום פיש כאַפּן מזל הצלחה.

ג

דזשאַן דער פישער, איבער די גאַסן שפּאַנט,
אַ נעץ, אַ געדיכטע, ער האַלט אין האַנט.
פון זיין ברוין, געקנייטשט פּנים שיינען אויגן בלויע,
די האָר די שוואַרצע, זיי ווערן שוין גרויע.
און פּלוצים עס ווערט אַ געלויף, אַ געדראַנג,
די קינדער די קליינע געוואַרט האָבן לאַנג,
אויפן טאַטן דעם גוטן, דעם הויכן, דעם גרויסן,
און איצט, ווען זיי זעען אים קומען אין דרויסן,
לויפן זיי אים אַנטקעגן מיט געררויש.
כאַפּן ביי אים פון די פּלייצעס דעם קויש.
דזשאַן כאַפּט זיי אַלע אַרויף אויף די הענט,
אַלע קינדערישע פּנימלעך צו אים זיינען געווענדט.
די מאַמע, אַ שמייכל אויפן פּנים פאַרשפּרייט,
קוקט ווי די קינדער האָבן דזשאַנען באַלייגט.
געפינען קיין רייד אויסצודריקן זייער פרייד.
און די מאַמע אינעם ציצן קלייד,
שטייט אין דער וואַנט אָנגעלענדט,
האַלט אַ קינד אויף די הענט,
וואָס ציט זיך צום טאַטן און שרייט,
שאָקלט די הענטעלעך צו אים פון דער ווייט.
אין הויז נעמט דזשאַן די קינדער די קליינע,

און וואַשט זיי ביז זיי ווערן אַלע ריינע.
זיי זעצן זיך צום טיש, בענטשן דאָס עסן,
די יאָכן פון טאָג ווערן באַלד פאַרגעסן.

ד

מיט האַמער און צוואַנג עס שטייט דער שמיד,
ברומקעט אין דער שטיל צו זיך אַ ליד.
פונק נאָך פונק פון ווערקשטאַט פליט,
פון אונטער דעם שטאָלענעם האַמער צעגליט.
דאָס פייער צעבלאָזן, צעפלאַמט און צעהיצט,
ווי אַ בליץ־פלאַם עס וואַרפט זיך אַלץ העכער און שמיצט.
טאַנצט איבער האַלץ און קוילן גאַנץ פריי,
צעשמעלצט און צעקאָכט דעם צעגאָסענעם בליי.
דער שמיד, ער שטייט אויף מיטן האָן גלייך צוזאַמען,
און וואַרפט שוין די קוילן אויף די צעבלאָזענע פלאַמען.
זיין פּנים שוואַרץ, אַ חוץ די אויגן צוויי,
די האָר אויפן קאָפּ זיינען ווייס שוין ווי שניי.
די שפּיץ פינגער ברוין פון פייער צעבראָטן,
ער שמידט פאַר די פישערס אייזערנע דראָטן.
פון ליולקעס מעשענע איז ער דער דערפינדער,
גיסט אויך אוים צלמלעך פאַר די פישער־קינדער.
גילדעט רינגעלעך פאַר אַלע פישער־פרויען,
פלעכט קליינע קעסטעלעך פון לאַנגע געלע שטרויען.
פורעמט אוים פיגורעלעך פון קליי גרויען,
האַמערט אוים טשוועקעלעך צום שאַפן און צום בויען.
ביים גאַנצן פישער דאָרף איז דער שמיד דערהויבן,
אין זיין ערלעכן וואָרט אַלע פישערס גלויבן.
אַלע גיבן אים ברכות אויף לאַנג לעבן אין פרידן,
ער זאָל ווייטער אין קוזשניע פאַר זיי האַטשיקעס שמידן.

ה

עס שטייען די פישערס ביים ים ברעג,
יעדער אין האַנט אַ האַמער און זעג.
די לעבער אין שיפלעך זיי טוען פאַרקלאַפּן,

היינט וועלן זיי זעגלען אין ים פיש צו כאַפּן.
געוועקט זיך קאַיאַר, ווען דער האָן האָט געקרייט,
פאַריכטן די שיפלעך צום פאָרן זיין גרייט.
די פישערס אין לאַנגע מאַנטלען געקליידט,
דאָס האָט זייער שניידער פאַר זיי אויפגענייט.
און אָט קומט דער פּאַסטאָר, פּאַמעלעך ער גייט,
צום בענטשן די פישערס אין וועג אַריין גרייט.
לייגט אַוועק אַ ביבל אין יעדן שיפל-ראַנד,
און בענטשט די פישערס מיט זיין ציטערדיקער האַנט.
דער שמיד מיט האַטשיקעס הייסע פון פלאַם,
צו כאַפּן און פאַנגען די פיש פונעם ים.
די פישערס אַלע גרייט שוין צו פאָרן,
די שיפלעך ווי נייע זיי זיינען געוואָרן.
אין מיטן טאָג די זון העל צעפלאַמט,
די פישערס קניען אויף צעגליטן זאַמד.
און אַלע בעטן מיט אויגן באַטרערטע,
זיי זאָלן פון שטורעם נישט ווערן געשטערטע.
אויך אַז די פיש זאָלן פון זיי נישט אַנטלויפן,
זיי שעפּטשען אין דער שטיל, יעדער אויף זיין אופן.
זיי גייען צו די שיפלעך אַריין זיך צוזעצן.
אין האַנט זיי האָבן גרייט שוין די נעצן.
אַ קינד צום טאַטן דעם לעצטן גרוס שרייט,
די פישערס זיך טראָגן אויף די כוואַליעס אין דער ווייט.

ו

דאָס פישער דאָרף אין שטילקייט פאַרלאָרן.
אויף די גאַסן אַן אומעט געוואָרן.
יעדן טאָג קוקן קינדער אויפן וואַסער קלאָרן,
און פרעגן ווען וועלן די טאַטעס שוין קומען צופאָרן.
די גאַסן פאַרשלאָפן, פון מענטשן ליידיק,
די קינדער זיך שפּילן, נאָר נישט אַזוי פריידיק.
די פרויען אָן שמייכלען און לאָזן אָפּט טרערן,
ווער ווייסט וואָס עס קען פון די פישער נאָך ווערן.

די מיידלעך די יונגע הערן אויף זיך צו פוצן,
ביים שמיד ליגט דער האַמער ליידיק, אָן נוצן.
פאַרנאַכט, לויפן קינדער אַרויס אויפן וועג,
טאָמער וועלן די טאַטעס קומען פון ברעג.
די קעפּלעך אַראָפּ צו דער ערד געבויגן,
די מאַמעס זיי טרייסטן, ווישן די אויגן.
מיט אומעט און טרויער געוואָרט אין שטומען,
ביז די פישער וועלן פון ים צוריקקומען.

ז

דאָס פישער דאָרף גאַנצע דערוואַרט שוין האָט,
ווען עס וועלן קומען די פישער אין שטאָט.
מיט אומרו געוואַרט אויף דעם טאָג נאָך פון לאַנג,
ווען וועלן שוין קומען די פישער מיט פאַנג.
געקומען דער מאָרגן באַזוניקט, צעשטראַלט,
זיך שפּיגלט אין כוואַליעס דער גרין־האַלציקער וואַלד.
וואו דאָס אויג קען דערגרייכן אין לענג און דער ברייט,
ווי אַ גרין־בלויער ליילעך דער ים ליגט צעשפּרייט.
דאָס גאַנצע דאָרף מענטשן אויפן זאַמדיקן ברעג,
עס לויפן די כוואַליעס אויפן ים אין געיעג.
די קינדער זיך שטופּן און זוכן אַ וועג,
דורך די מענגעס פון פרויען צום ליכטיקן ברעג.
אַלעמענס אויגן צו דער ווייט אָנגעשטרענגט,
קיין זעגל באַווייזט זיך איבער גאַנצן ים־לענג.
דער ים צעקושט מיטן הימל אַ צעבלויטער,
פלאַמט די זון ווי אַ בלוט־פלעק אַ רויטער.
דער ים אַ שטילער, אַ מידער, אַ פאַרטרוימטער,
דער הימל אַ בלויער, אָן וואָלקנס, לויטער.
די זון — אַ פלאַקערנדיקער שייטער,
רוקט זיך אויפן הימל אַלץ ווייטער און ווייטער.
די אויגן פון ברעג דעם ים דורכשפּיזלען,
די כוואַליעס רואיק זיך גליטשן און ריזלען.
„וואָס בלאַזט דאָרט אין דער ווייט דער ווינט?"
פרעגט דער מאַמען אַ קינד.

אַלע אויגן זיך רוקן צום פּלאַץ געשווינדט.
עס הייבן אָן האווקען פריילעך די הינט.
„אַ זעגל, אַ דאָרט אין דער ווייט, איר זעט?“
האָבן אַלע אויף איין קול גערעדט.
און אין דער ים בלויער ווייט,
האָט אויפגעטוקט אַ זעגל ווייס ווי קרייד.
ווי אַ ווייסער פויגל גערוקט זיך צום ברעג,
און די כוואַליעס האָבן געמאַכט אים אַ וועג.
באַלד זיינען איבערן גאַנצן ים זעגלען אויפגעשוואומען,
און מיט שטאָלצן גלייכגעוויכט צו דעם ברעג געקומען.
די מענטשן וואָס דעם ים ברעג פאַרזייען,
האָבן אויפגעהויבן ליאַרמעס און געשרייען.
און אין מיטן דעם געקאָך, געזיד,
האָט געשאַלט איבערן ים דאָס פישער ליד.
ווען די פישערס זיינען אַרויף אויפן ברעג,
האָבן מחנות מענטשן געמאַכט זיי אַ וועג.
די קינדער זיינען זיי אַנטקעגן געלאָפן,
אפילו זיי האָבן צום טאַטן ניט געטראָפן,
זיינען זיי אַרויף אויף די פישערס הענט.
אַרום די פישערס מענטשן ווענט.
מענער און פרויען האַלדזן זיך פאַר פרייד,
אַזוי לאַנג געווען שוין אָפּגעשיידט.
און די יוגנט לאָזט זיך אין טענץ,
אויף די יונגע קעפּ בלומען קרענץ.
די פישערס ברענגען אין קאַסטנס געפּאַקטע,
פיש איינגעזאַלצן און שוין צעהאַקטע.
עס גייען די פישערס רואיק געלאַסן,
מיט פרויען און קינדער מיט פּאַראַד דורך די גאַסן.
און ווען עס ווערן די גאַסן ליידיק,
הערט מען פון פענצטער זינגען לוסטיק, פריידיק.
די הייזער צוריק מיט פישער באַוואוינט,
און פישער־דאָרף מיט רו צוריק באַקרוינט.

1952

מתתיהוס צוואה

מײַן ייִדן און באָבען —
מיט ליבשאַפט

ווי אַ העל צעגליטער שטערן אין הימל נאַכטיקן שוואַרצן,
פליט מתתיהו, שווערד אין האַנט אויפן גריך, וועמענס שפּיזן,
פּיקעס שטאַרצן.
צו די גרינע, בלוט-באַשפּרענקלטע, פרי-זומערדיקע גראָזן.
זיין כאַלאַט, אין פרילינג ווינט צעבלאָזן.
אַ שטורעם אין זיין בלוט צעקאָכטן,
זיין מילך-ווייסע באָרד אין ווינט צעפלאָכטן,
מיט זיינע פינף שלאַנקע זין איבער ציונס סטעפּ,
די שווערדן צעבליצטע איבער זייערע קעפּ.
זעקס לייבן, שטאַרקע, הויכע ריזן,
טראָגן נישט קיין פאַנצערס און נוצן נישט קיין שפּיזן.
די שווערד אין האַנט צעבליצט,
דער קאַמף פאַר פרייהייט און ציין פאַרקריצט.
אין די געבערגן וואו אָדלערס שוואַרצע קרייזן,
הייפעלעך יידן זיך באַווייזן.
פּויערים אָרעמע, ווער מיט אַ קאָסע, ווער אַן אייזן,
לאָזן אַראָפּ זיך אויפן גריך, ווי אַ פּויסט פון שטאָל,
ווי צערייצטע לייבן אויפן שונא אין טאָל.

* * *

ווען די זון האָט איר לעצטן קוק געגעבן אויף די הימל רוימען,
האָט מתתיהו מיט זיין הייפעלע זיך געשלענגלט אויף ציונס
בערג זוימען.
שלאַנקע יונגען, הויכע, שטאָלצע, ווי טענענביימער רייען,
מיט שווערד אין האַנט און מוט אין האַרצן גייען.
צו דער שטראַלנדיקער פרייהייט, צעשטויבן גריכס געצן,
פאַרטרייבן די פאַלשע כהנים, וואָס גאָטס געבאָט פאַרלעצן.
גאָלד און זילבער איז זייער לוסט,
טוען וואָס אנטיוכוסעס האַרץ וויל און גלוסט.

און מתתיהו שווערט:
„מיט מיין בלוט באַפֿלעקטער שווערד
דאָס לאַנד באַפרייען פון גריך, וואָס רויבט, הרגעט און צעשטערט.
אָפּמעקן, אָפּקערן אים פון דער ערד“.

* * *

פרימאָרגן,
די זון האָט איר פּנים פון נאַכטיקן שלייער אויפגעדעקט.
מתתיהום הייפל יידן צעוואַכט, צעוועקט.
מתתיהו הייבט זיין שווערד-האַנט און זאָגט:
„זעט מיינע קינדער עס האָט געטאָגט.
די זון, זי שרעקט זיך קוים
פאַר די שוואַרצע כמאַרעס, וואָס לויערן אויפן הימל זוים.
זי זיפט זיי דורך מיט אירע העלע שטראַלן,
ביז זיי ווערן צעשוואומען, צעפאַלן.
באַליכטיקט צוגלייך יעדן לאַנד,
באַשטראַלט די ערד פון ראַנד צו ראַנד.
זעט —
דער באַגינען פון אונדזער לאַנד איז לינדער.
קוקט מיינע קינדער, —
עס האָט אַ שוואַרצער וואָלקן זיך געטאָן פאַרקלייבן
אין אונדזער היים, און וויל אונדז פון דאָרט פאַרטרייבן.
מיר, כאָטש אַ הייפעלע באַוואָפנט שפּאָר,
מוז אונדזער לאַנד פון גריך זיין קלאָר.
זין מיינע, ליכטיקע שטערן, צעהעלטע, צעבליצטע,
איך בין אַלט —
עס קומט אַנטקעגן מיר דער טויט, שטאַרצנדיקע צוין פאַרקריצטע.
דער טויט פאַרבאָרגן,
רויבט אַוועק פון מיר דעם היינט.
אייך, גיב איך איבער דעם מאָרגן.
פאַר אייך איז נאָך די זון העל צעשיינט.
אויף אייער וועג
לויערט דער פיינט.

מיט זיינע אָנגעשאַרפטע, בליצנדיקע ציין שוין גרייט,
ער האָט זיין בלוט־באַשפּרענקלטע נעץ פאַר אייך פאַרשפּרייט.
איז גייט אין שלאַכט —
פאַרטרייבט די לויערנדיקע נאַכט.
דאָס לאַנד באַפרייען.
זיך נישט אָפּשטעלן, נישט פאַרהייען,
צום נצחון און צום לעבן.
דעם גריך פאַר זיין אכזריות נים פאַרגעבן.
י ה ו ד ה —
שמיד איבער דיין האַמער אויף אַ שווערד.
לאָז זי נישט פאַלן צו דער ערד,
ביז דער פיינט וועט ווערן פאַרטריבן, צעקערט".

1952

ל

צום נצחון

אַרטייעטע שטילקייט אונטער שווערד,
אַ וועג פון מתים — די ערד.
הפקר זייען טויט די שפּיזן,
זינט גריך האָט זיך באַוויזן.
פאַלן אונטער שווערד די פרויען,
צערייסן זיי די הינט אויף שטיקער רויע.
צעטראָטן ליגט דאָס קאָרן,
מאָרדן — אַ שפּיל געוואָרן.
ישראל מיט געצן פאַרשענדט,
טמא די בית־המקדש ווענט.

מתתיהו —
אַ שטראַל צווישן פינצטערע שפּאַרעס.
רופט פון מודיעין:
„באַפרייען ציון!“

שטורעמט די שלאַכט,
מולך זיך צעלאַכט.
אין כאָרכל פון טויטע,
זידט די ערד אַ בלוט רויטע.
טרעטן פיס אויף די וואָס פאַלן,
רינט דאָס בלוט אין קוואַלן.
יהודה — אַ פעלדז אין פעלד,
זיין שווערד קערט די וועלט.
זיגעריש זיין טאָן:
„הייבט אויף די פאָן,
צום נצחון גייט.
ניט אונטער גריכס שטיוול בלייבט,
אים פון דאַנעט פאַרטרייבט“.

די שווערד פון שייד,
לאָזט זיך אויפן פיינט.
„דער זיג איז היינט!“
יהודה אויבן אָן,
צעווייעט אין האַנט די פרייהייט פאָן.

* * *

מכבי —
ביי אונדז אין זכרון רוסט,
ווי אַ פונק פון לעבן וועסטו טליען,
ווי אַ פלאַם וועסטו אייביק גליען.
שטאָלצט און שיינט מיט דיר די וועלט,
מיט דיר יהודה,
אונדזער העלד.

דעצעמבער 1951

דער ערשטער שניי

ער ערשטער שניי
אַ בלאַט פּאַפּיר,
וואָס שפּרייט זיך אויס
פאַר יעדער טיר.

דער ערשטער שניי
זאָגט דער וועלט,
גרייט זיך צו
עס קומט די קעלט.

דער ערשטער שניי
פאַלט גיך געשווינדט,
און גייט פאַרביי
ווי אַ ווינט.

דער ערשטער שניי
איז שטעכיק קאַלט,
און ווערט אַ וואַסער
ווען ער פאַלט.

דער ערשטער שניי
פאַלט קלעפּיק נאַס.
ווי ווייסער קליי
באַשוימט די גאַס.

דער ערשטער שניי
איז פאַר קינדער אַ גליק:
„ווען קומט דער שניי
שוין ווידער צוריק?"

פאַרדעקט, פאַרוויסט
דאָס לעצטע ביסל גרין,
און פלאַסטערט דעם וועג
פאַר די שנייען נאָך אים.

1952

לעבן

די גרויסע מאַמע פייגעלע
האָט אַ נעסט געבויט.
צוויי אייערלעך געלייגט,
אייערלעך ראָזע רויט.

די ווענטעלעך פון נעסטעלע,
פון שטרוי זי האָט געמאַכט.
דעם דיל פון ווייכן גראָז,
צום שלאָפן ווייך ביינאַכט.

איז די מאַמע פייגעלע,
אויף די אייערלעך געזעסן.
און דער טאַטע פויגל,
געברענגט האָט קערנדלעך צום עסן.

אויסגעפּיקט דאָס ערשטע אייעלע,
דערנאָך דאָס צווייטע איי.
האָבן זיך אין נעסט באַוויזן,
קינדער־פייגעלעך צוויי.

ווען די קינדער פייגעלעך,
מיט כוח אָנגעקוואַלן.
זיינען זיי מיט טאַטע־מאַמע אַרויס,
פליען צווישן בערג און טאָלן.

זיינען קינדער פייגעלעך
אויסגעוואַקסן גרויס.
האָבן אַליין אייערלעך געלייגט,
אין זייער אייגן נעסטן־הויז.

און די מאַמע פייגעלע,
וואַרעמט אוים איר דור.
טרילט דער טאַטע פייגעלע,
אין אַ פויגל כאָר.

1951

פאָרויס פאָלק

פאָרויס דו פאָלקס אַרמיי, דו פרייע,
דיין שטאַרקע האַנט באַווייז.
הענג אויף איבער בערג דיין פאָן די נייע.
די מלחמה קייטן, דו צעריים.

פאַריאָג פון פעלדער און פון פליינען,
די פאַרלענדער פון דער וועלט.
די ליבע זון זאָל ווידער שיינען,
די זון וואָס ליכטיקט און וואָס העלט.

פאָלק, טו זיך דערהויבן,
דיין מאַכט נעם אין האַנט.
דיין אויסנוצער טו צעשטויבן,
צעקלאַפּ זיין פעסטונג וואַנט.

פאָלק, ביסט ווי אַ טורעם,
מעכטיק ווי די וויכער ווינטן.
הויב אויף זיך אין אַ שטורעם,
באַפריי זיך, ביסט געבונדן.

פאָרויס, דו פאָלקס־אַרמיי, דו פרייע,
לאָמיר צוזאַמען אַ בונד שמידן.
הענג אויף איבער בערג דיין פאָן,
די ליכטיקע פאָן פון פרידן.

1952

מאָונט-ראָיאַל

עס הייבט זיך די זון פון נאַכטיקן שלאָף,
וועקט אירע שטראַלן פון דרימל.
ווייסינקע וואָלקנס, פוכיקע שאָף,
זיך פּאַשען אין רוים פונעם הימל.

די פעלדער, זיי ציִען אַוועק און זיך שפּרייטן,
גרין באַגרעזלט, פאַררויטלט מיט בלומען.
עס שושקען און ברומקען צווישן זיך בייטן:
„דער טאָג, דער טאָג איז געקומען“.

וואַקסט אַרויס פון די פעלדער, די גרינע, אַ באַרג,
זיין קאָפּ, ער גרייכט אין די הימלען.
צעבערגלטער ריז, מעכטיק און שטאַרק,
אויף זיין שפּיץ רוען כמאַרעס און דרימלען.

די זון קעגן באַרג — אַ קנעפּעלע ליכט,
קעגן אַ באַביימערטן ריז אַ שטומען —
דאָך באַליכטיקט די זון זיין צעבערגלט געזיכט,
באַבערדלט זיין פּנים מיט בלומען.

זעט ווי ער שטייט, דער גרין-גראָזיקער באַרג,
מיט ביימער, צעבלעטערט, צעווייטע.
ער טראָגט אַ שטאָט ביי זיך אויפן קאַרק,
ביי זיך אויף די אַקסלען די ברייטע.

ב.

שטייט אַ שטאָט אויפן באַרגיקן רוקן,
געמויערטע הייזער באַציגלטע קוקן.
עס קלאַפּט דאָ דאָס האַרץ פון אַ לאַנד אַ צעשפּרייטס,
פון גאָלדענע פעלדער מיט קאָרן און ווייץ.
אַ לאַנד וואָס זיך ציט אין דער לענג און דער ברייט,
באַבלעטערטע ביימער אין ווינטן צעווייט.
אין צפון הערשט די אייזיקע קעלט;
דער דרום מיט מילך און האָניק קוועלט.
מיט אייזן און קוילן, זילבער און גאָלד,
יונגינקע ביינער, ווערן געשטאָלט.

עס רוישט דאָ דאָס לעבן קאַכט דאָ און זידט;
עס שטייט דאָ די שטאָט צעבלענדט און צעבליט.
דאָס רוישיקע לעבן — אייביקע בלומען,
פון פאַרגאַנגענע דורות צו די וואָס נאָך קומען.

ד ע ר   ו ו ע ג   אַ ר ו י ף

שטייען אַלייען ביימער, גרין באַבלעטערטע, מיט ברייטע קרוינען,
פרישע, ראָזע, בליענדיקע צווייטן, קוקן צו די רוימען.
שעפּן און טרינקען אָן זיך מיט זונליכט, וואָס שטראָמט פון הימל,
שעפּטשען די ביימער; זיך וויגן ווי אין דרימל.
מורמלען די גרין־שפּראָציקע גראָזן אַ תפילה,
וואָגיקע צווייגן פון אויבן הערן זיך איין מידע, שטילע.
וואַרפן אַ מחיהדיקן שאָטן; קילן די אָנגעהיצטע ערד פון
פלאַמענדיקן זון שייטער,
וואָס קריכט אַ הייסער, פייערדיק צעברענטער איבערן הימל
אַלץ ווייטער.
די צווייגן בעטן; גיי ווייטער אין געדיכטענישן פון קוסטעס
און ביימער,
וואו עס הערשט די אייביקע שכינה באַטראָטן פון קיינעם.
הער צו צום פליסטער־געבעט פון די צווייגן וואָס זיך בלעטערן,
קוק זיך צו צו די גרינע אָדערן, וואָס איבער ביימער קלעטערן.
נישטאָ דאָ די רוישיקע גאַסן, די רויכיקע שטויביקע וועלט.
דאָ הערשט די בלום, דאָס גראָז, דער בוים, די זון, דאָס פעלד.
גיי ווייטער. דאָס טיפע גרינע גראָז פענטעט דיינע מידע פיס,
די אַראָפּהענגיקע צווייגן גלעטן דיר דאָס פּנים ווי צאַרטע פינגער.
דאָ שמעקן די בלומען; ווינקען פון גראָז מיט רויטע, געלע,
פּורפּורענע אויגן,
פון דער גוטער רייכער מוטער־ערד, זייער זאַפט זיי זויגן.
דאָ איז אַ וועלט, וואָס זיך דאַכט, וועט אייביק דויערן.
זיך דערמאָן: די קאָכיקע גאַסן, די הויכע געציגלטע מויערן,
זיינען מיט יאָרן צוריק פון אָט די גראָזיקע וועלדער אויפגעשפּרונגען.
דאָרט וואו ס'שטייט דיין הויז, האָט אַמאָל אַ פויגל פון נעסט געזונגען.
אָדער אפשר האָט אָן אינדיאַנער געיאָגט זיך נאָך אַ הירש מיט
פייל און בויגן?

נאָר ס'האָט די האַק און זעג שוין לאַנג די שכינה אויסגעזויגן.
און דאָרט וואו ס'האָבן ביימער־אַלייען זיך געצויגן,
ווינקען איצט באַגלאָזטע פענצטער — ליכטיקע העלע אויגן.
דער באַרג, מיט געדיכטענישן פון ביימער, קוסטעס און גראָזן,
איז אַ צייכן פון אַמאָל, ווען ס'האָט דער אינדיאַנער דעם רויך
פון ליולקע דאָ געבלאָזן.
גיי ווייטער. עס שלענגלט זיך דער וועג דורך טורעמדיקע
ריזן שטיינער, געשניצט אין גרויען,
ווילן דערלאַנגען מיט די שפּיציקע גראַניט־קעפּ צום הימל בלויען.
דאָ האָבן אַמאָל אָדלערס שוואַרצע געבויט זייערע נעסטן־היימען,
געקעניגט אין אַט די פאַלדיקע גראַניטן, געשטערט פון קיינעם.
נאָר דער מענטש האָט זיך דורכגעהאַקט אַ וועג און די
אָדלערס פאַרטריבן,
זייערע נעסטן האָבן רעדער פון מאַשינען אויף שטויב צעריבן.
נאָר די אָדלערס זיינען זיך צעפלויגן; די גראַניטן זיינען דאָ געבליבן,
אויף זייער האַרט־גרויער הויט איז די געשיכטע פון אַ ווילדער,
אוראַלטער וועלט פאַרשריבן.
קוקסט זיך אום; אויסגעשפּרייט פאַר דיינע אויגן
ליגט די שטאָט, אַ ראַישיקע, קאָכיקע, אַ שטויביקע אויסגעצויגן.
ווי סוכות שטייען הייזער, קוימענס קלעטערן אין די הויכן,
אָטעמען אַרויס פון זייערע שטיינערנע בייכער שוואַרצע
שטיקנדיקע רויכן.
ווינקען צו דיר, דיך רופן פון די זוניקע פעלדער בלומען,
צוריק אין דער שטאָט גיין, צו די זידנדיקע גאַסן קומען.
עס ווילט זיך ניט פאַרלאָזן
די בלעטערדיקע ביימער און גרינע גראָזן.
עס ווילט זיך שטיין און אייביק קוקן, קוקן
אויף די פינטעלעך טראַמווייען וואָס זיך רוקן.
אויף די קעסטל־הייזעלעך פון וואַגען ביסט פריער אַרויסגעגאַנגען,
עס ווילט זיך קוקן אויפן בלויען, שנירל טייך דעם לאַנגען.
כאַטש עס מידן זיך די פיס פון לאַנג שפּאַצירן,
ווילט זיך וויסן וואו דער וועג אַרויף וועט ווייטער פירן.

ד



ם ציען זיך מענטשן מידע אין רייען,
צום גרין־בליענדיקן באַרג אַלע זיי גייען.
די קינדער, זיי זינגען, זיך שפּילן און טאַנצן,
ציען צו דיביימער וואָס דעם באַרג באַקראַנצן.
קוקן זיך איין אין הימל לויטער,
ווערן פאַרברוינט פון דער זון דער רויטער.
די שטאָט וועט זיי שפּעטער ווידער פאַרבלייכן,
אין די גאַסן וואו די זון קען ניט דערגרייכן.
די מאַמעס טראָגן קוישן מיט עסן,
נאָר די קינדער האָבן אין זיי שוין פאַרגעסן.
זיי לויפן אַוועק צום שפּיל־פּלאַץ גרויסן.
אייניקן זייערע שטימען מיט דעם געפילדער צעברויזטן.
קוליען זיך איבער אין גראָז צעגרינטן,
זאַפּן דעם ריח פון פעלד צעבלימטן.
הוידען זיך הין און צוריק אין די הויכן,
פאַרגעסן אין דער שטאָט מיט די שטויבן און רויכן.
פאַרגעסן אין די גאַסן וואו אויטאָס שטענדיק פאָרן,
און קוקן איין זיך אין הימל דעם קלאָרן.
גראָבן אין זאַמד, מויערן, בויען,
שטעלן אויף הייזער פון זאַמד דעם גרויען.
צעשטערן, צעשטויבן און מאַכן עס ווידער,
די קינדער די פרעמדע ווערן זיך ברידער.
אויף לייטערס זיי קריכן ווי צוזאַמענגעבונדן,
גליטשן אַראָפּ זיך אויף דער ערד פון אונטן.
אַלע זיי פאָרן אויף די קאַרוסעלן,
עס קען די קינדער קיינער אָפּשטעלן.
די וועלט, זי איז זייער, אין זייערע הענט,
זייערע די הייזער, די מויערן, די ווענט.
ווען עס ווערן די קינדער שוין מידע פון שפּילן,
זיי לויפן צוריק צו די מאַמעס זיך קילן.
כאַפּן אַ טרונק דעם דורשט צו שטילן
און לויפן צוריק ווידער זיך שפּילן.

ה.

ווען דאָס פאָלק גיט זיך צום באַרג אַ שאָט,
ווערט פון שטילן באַרג אַ צווייטע שטאָט.
רוען מענטשן אונטער קילנדיקעביימער — געצעלטן
פון שאָטן,
אַנדערע ליגן אין זונליכט און זיך ברענען און בראָטן.
שמייכלען פון די, וואָס באַשיצן זיך אונטער צעצווייגטע
ביימער־קרוינען,
האָבן מורא זייערע ווייס־ווינטערדיקע גלידער
אַביסל אָפּברוינען.
אַלע זיי לעבן אין די רוישיקע גאַסן — זודיקע שטייגן,
קומען צום באַרג — אין קילן שאָטן פון ברייטע צווייגן.
אַוועק פון די שטויביקע גאַסן און רויכן,
רוען אין די אָרעמס פון די קילנדיקע הויכן.
אָטעמען אַריין דעם דופט פון די בלומען,
עס גלעטן זיי ווינטעלעך, וואָס פון באַרג־שפּיץ קומען.
דער באַרג קילט זיי אָפּ פון די זומער־היצן,
קילט זיי אין שטאָט ווען זיי קענען דאָ נישט זיצן.
פאַרנאַכט, וועלן זיי אַלע דעם באַרג פאַרלאָזן,
אַליין וועלן בלייבן די בלומען און גראָזן.
דאָס ווינטל וועט גלעטן די ביימער און צווייגן,
דער באַרג וועט ליגן רואיק און שווייגן.

ד ע ר מ אָ נ ו מ ע נ ט

טייט דער מאָנומענט, קושט זיך מיט די הויכן,
קוקט אויף דער שטאָט אין אַ נעפּל פון רויכן.
ניט קיין פּשוטע צעמענטענע ווענט —
זיינע שטאָלצע בראָנזענע פיגורן — זיי לעבן;
זיי לעבן מיט אַרבעט, מיט אַקער און סערפּ און וועבן
דאָס לעבן פון אונדזער לאַנד. פרויען באַקרוינט מיט
בלומען פון פרידן —
ניין פּראָווינצן; צוזאַמען זיי האַמערן און שמידן,
באַפרוכפּערן און באַרייכערן אונדזער ערד.
געווען אַמאָל אונטער שאַרף פון פרעמדער שווערד,

נאָר ס'האָט דאָס פאָלק זיין פאַרשקלאַפער פון אונדזער
לאַנד צעקערט.
ביי זייערע פיס ליגט די יאָכישע שווערד, —
באַשפּיגן, צעטראָטן, פאַרגעסן פון יעדן.
איצט געגלידערט האַנט אין האַנט, צעריסן איז די קייט;
צו די הימלען זייער פרידן פאָן צעווייט.
ניין פּראָווינצן, אויף זייערע קעפּ — קראַנצן
בלומען־בייטן.
ביי זייערע זייטן — די פּרוכטן פון אַלע עקן לאַנד,
צעשפּרייטן:
אין מערב — דאָס קאָרן, די ווייצן,
ווי גאָלדענע כוואַליעס זיך וויגן אין טאַנץ.
באַלד וועלן זיי צו די מילן פליצן,
עס וועט זיך מאָלן דאָס ברויט פאַר אַ פאָלק אַ גאַנץ.
די בערג — מיט קוילן און אייזן,
גאָלד און זילבער, קופּער און צינק.
דער מערב, מיט מעטאַלן דאָס לאַנד שפּייזט;
מיט גערויש פון אייזן־שמעלצערס דער מערב זינגט.
אין טייכן פון מזרח — שטראָמען פעלדער,
אָפּגעהאַקטע ביימער
צו די האָלץ מילן — פאַר פּאַפּיר ריינער.
אין מיטללאַנד — פּרוכטן אין סעדער,
וואַרעמע קוואַלן — היילנדיקע בעדער.

איבער די ניין פּרויען שטייט קאַרטיע דער באַפרייער;
זיינע ווערטער — שטיקער העליש פייער:
„אונדזער לאַנד פון פאַרשיידענע פעלקער־ראַסן געבויט,
נישט אויף בלוט פאַרגיסונג — נאָר צו אַקערן און זייען
אויף ברויט.
פאַרן וואוילזיין פון פאָלק זיך איבערגעבן,
פאַר אַ פריידיק קאַנאַדע, פאַר אַ שלומדיק לעבן".

דער מלאך פון שלום — פליגל צעשפּרייט
בענטשט די שטאָט מיט געפלאָכטענער בלומען־בייט.

1953

גוט מאָרגן דיר וועלט

גוט מאָרגן דיר וועלט;
צעליכטיקט, צעהעלט.
איך האָב דיך צום ערשטן מאָל דערזען,
ווען איך בין אַ קליינער געווען.
פון בעט, איז דאָס צימער געווען אַ וועלט, אַזוי גרויס.
און געוואָלט האָב איך, געוואָלט פון דאָרט אַרויס,
האָב איך אויפגעהויבן אַ געשריי, אַ געוויין,
די מאַמע האָט מיר געגעבן עסן אין מויל אַריין.
האָב איך אויף מיין לשון געשריגן ניין, ניין!
איך וויל פון בעטל אַרויס, אַרויסגיין.
פאַר מיר איז דאָס בעטל געווען שוין צו קליין,
כ'האָב געוואָלט זען די וועלט ליכטיק און שיין.
נאָר מיך האָט קיינער ניט געקענט פאַרשטיין.

* * *

מיינע טעג זיינען געוואָרן פינצטער און שווער,
שוין נישט געווען אַזוי פריילעכע ווי ביז אַהער.
די מאַמע האָט אַלעמאָל געווישט אַ טרער.
מיין פּנים — אַ פאַרשוואָלענע פּליאַמע,
איבער מיר האָבן געוואַכט טאַטע-מאַמע.
דאָס פּנים האָט מיך געביסן,
אין די אויערן האָבן זיך וויטיקן געריסן.
אין די נעכט בין איך ניט געשלאָפן, נאָר געשריגן,
טאַטע-מאַמע האָבן מיך אויף די הענט געוויגן.
ווען איך בין שוין איינגעשלאָפן אַ מידער,
האָבן טאַטע-מאַמע נאָך אַלץ געוואַכט,
און מיר צוגעזונגען לידער.
יעדע נאַכט פלעגט אַ הויכער מאַן קומען צוגיין,
מיר אַ קיצל טאָן מיט אַ פינגער אַ קאַלטן,
מיין טאַטע און פעטער האָבן מיינע פיס און הענט צוגעהאַלטן.
דער זיידע פלעגט שטיין און קאַפּיטלעך תהילים זאָגן,
די באָבע מיט דער שוועסטער האָבן ניט אויפגעהערט צו קלאָגן.

און די מאַמע איז געשטאַנען איבער מיר איינגעבויגן,
איבער מיר אויסגעוויינט די מידע אויגן.
דער טאַטע מיט פאַרקריצטע ציין,
פאַרשטיקט אין זיך מסתמא דאָס געוויין.
דער זיידע איז לעבן מיר געזעסן,
און האָט די האָר פון באָרד געביסן.
און איך האָב מיט מיינע פינגער דעם טאַטנס הויט געריסן.
דער הויכער מאַן האָט געשפּיזלט אין מיין קראַנקן אויער,
קאַנען בלוט איז גערונען פון מיין וואונד רויער.
ווען דער הויכער מאַן איז אַוועק פון הויז,
זיינען טאַטע־מאַמע, באָבע־זיידע און די שוועסטער,
ווי פאַרוויטיקטע, פאַרוויינטע שאָטנס פון אַ תהום אַרויס.
צו מיר צוגעגאַנגען מיך געקושט, געגלעט,
און איבער מיר זיך געסודעט און געזאָגט,
ס'זאָל קומען שוין דער טאָג,
ווען עס זאָל דער דאָקטאָר ניט דאַרפן קומען.
אָבער איך בין געלעגן אויף אַ זייט און שטיל געמורמלט אין געקלאָג:
„זאָג מיר וועלט", האָב איך געטענהט צו זיך אַליין.
„פאַרוואָס האָסטו מיך באַגעגנט מיט געוויין?"

איך שטעל זיך אויף

איך בין געלעגן ביים פענצטער צו דער גאַס געקוקט.
נאָכגעשפּירט די שטראַלן וואָס האָבן אויף די שויבן זיך גערוקט.
און מיט אַלע מיינע כוחות זיך אויפגעשטעלט צום ערשטן מאָל,
אָבער אַ טראַך געטאָן צוריק מיט אַ געשריי אויפן קול.
און טאַטע־מאַמע שפּרינגען אַרויס פון בעט און לויפן צו:
„זאָג מיר קינד מיינס, וואו צעקלאַפּט זיך, וואו?
אָבער איך האָב ניט פאַרשטאַנען וואָס מען רעדט,
און כ'האָב אָנגעהויבן צו באַקוקן מיין בעט.
צום ערשטן מאָל באַמערקט, זיך באַטראַכט,
אַז די אייזערנע שטאַכעטן זיינען פונקט פאַר מיר געמאַכט.
און ווען אַלע זיינען צוריק אין די בעטן,

האָב איך אָנגענומען אַ שטאַכעט אַ קאַלטן,
אויפגעזעצט זיך, אין אים זיך צוגעהאַלטן.
און כדי אויסצודריקן מיין פרייד,
האָב איך אַרויסגעלאָזן נײַן מאָס רייד.

* * *

פרימאָרגנדיקע שטראַלן,
קריכן אויף די שויבן.
אויף די אויגן מיר געפאַלן,
מיך פון שלאָף געהויבן.

טוי אויף די פענצטער,
שפּיגלט זיך אין ראָזן.
שוין קליין פאַר מיר דאָס בעטל,
איך וויל עס שוין פאַרלאָזן.

איך זעץ זיך אויף פאַמעלעך,
די שפּיל איז מיר געפעלן.
אָט נאָך אַביסל ווייטער,
וועל איך זיך אויפשטעלן.

איך שטרעק אויס מיינע הענט,
און כאַפּ אָן אַ שטאַכעטל.
איך טו אַ הייב זיך העכער,
און שטיי שוין אויפן בעטל.

איך קוק אַרויס פון בעטל,
אויפן צימער גרויסן.
ווי קען מען אַרויסקוקן,
אויף דער גאַס אין דרויסן?

פון בעטל צום פענצטער,
איז פאַר מיר ווייט.
דער ליכטיקער דרויסן,
מיך נאָך אַלץ פאַרמיידט.

איך גיי אין שול

געווען איז דער שלאָף אין מיינע אויגן נאָך פול,
ווען ס'האָט מיך די מאַמע צעוואַכט.
„שטיי אויף, היינט וועל איך דיך פאַרשרייבן אין שול
שטיי אויף, דער זייגער שלאָגט אַכט".

די מאַמע האָט מיך פאַרפּוצט און פאַרקעמט,
און מיך געפירט אין שול.
געגוועז איז די שול מיר ניי און פרעמד,
מיט קינדער געווען איז זי פול.

אַלע פונקט ווי איך געקליידט;
איך האָב געקוקט אויף זיי פאַרשעמטערהייט,
און זיך געהאַלטן ביי מאַמעס קלייד.
האָבן גלעקלעך זיך צעקלונגען;
אינעווייניק האָט אַ לערערקע מיט קינדער געזונגען.
איך האָב זיך געריסן צו דער טיר,
האָט די לערערקע געזאָגט צו מיר:
„קום חיימל, לאָז אָפּ דער מאַמען,
זעץ זיך דאָ אַוועק און זינג מיט אונדז צוזאַמען".
בין איך מיט די קינדער אינאיינעם געזעסן,
מיט זיי זיך געשפּילט, געזונגען און אין דער מאַמען
פאַרגעסן.
ווען די מאַמע איז געקומען מיך נעמען אַהיים,
האָב איך שוין נישט געוואָלט פון דער שול אַוועקגיין.

* * *

די מאַמע האָט זיך אָפּט געווישט אַ טרער —
מלחמה, מלחמה, האָב איך פון יעדן געהערט.
גערעדט האָבן אַלע וועגן אַ לאַנד ערגעץ ווייט,
וואו מען הרגעט דאָרט יידן אין גאַנצן די צייט.

מיר געזאָגט; ס׳איז גאָרניט געשען,
און דאָך זײַנען אַלע טרויעריק געווען.
סירענעס פלעגן זיך צעפּייפן אין דער נאַכט,
מען האָט אַלע לאָמפּן אין הויז פאַרמאַכט.
געלעבט האָבן אַלע אין טרויער און שרעק,
אַזוי זײַנען אַ סך טעג אַוועק.

איין טאָג ווען כ׳בין פון שול געקומען צוגיין,
האָבן אַלע אין הויז פון פרייד שוין געוויינט.
אַלע האָבן אין צייטונג געקוקט,
געלייענט וואָס איז דאָרטן געווען געדרוקט.
נאָר איך האָב לייענען ניט געקענט,
האָט דער טאַטע מיך גענומען אין זײַנע הענט
און מיר געזאָגט:
„צו דער מלחמה איז געקומען אַ סוף,
די דײַטשן, די שלעכטע מענטשן, האָבן געקראָגן
זייער שטראָף“.

1953

די וועלט פון שלום

לויט ישעיהון

פון יעדן שפּיז ווערן וועט אַן אַקער,
פאַרלאָשן וועט ווערן דער מלחמה פלאַקער.
די טויב וועט פאַרשפּרייטן די פליגל פון שלום,
מקוים וועט ווערן אויסגעבענקטער חלום.
סערפּ און קאָסע וועלן אויף די פעלדער קלינגען,
דאָס ליד פון שלום וועט מען אייביק זינגען.
תבואה זאַנגען וועלן אומעטום בליען,
פייגל מיט שלום-געזאַנגען וועלן אַרומפליען.
קאַלב און לייב וועלן לעבן צוזאַמען,
אַ קליין קינד וועט זיי צאַמען.
אַ וואָלף וועט לעבן מיט אַ שאָף,
אַ פוקס וועט זיך ברודערן מיט אַן עוף.
אַ לעמפּערט וועט אַן אָקס ניט אַנרירן,
ביידע צוזאַמען וועלן דעם אַקער פירן.
אַ בער וועט ניט פאַרצוקן קיין רינד,
אַלע חיות וועט פירן אַ קליין קינד.
דער מענטש וועט פון מלחמה ניט טראַכטן,
קיינער וועט קיינעם ניט פאַראַכטן.
די שנאה וועט פאַרשווינדן ווערן,
עס וועלן לעבן צוזאַמען רינד, לייבן, קי און בערן.
פון יעדן ביקס אַן אַקער וועט ווערן,
יעדער פון זיין אייגענער פּראַצע וועט זיך נערן.
ניטאָ קיין שקלאַפן, ניטאָ קיין קנעכט,
יעדער מענטש די זעלבע רעכט.
אין זאַמדיקן מדבר וואו אַדלערס שוועבן,
וועלן זינג-פייגל און טויבן אויפלעבן.
פון וויסטן מדבר, אַ בליענדיקער גאָרטן,
און אַלע מינים חיות לעבן וועלן דאָרטן.

* * *

פון יעדן שפּיז ווערן וועט אַן אַקער,
פאַרלאָשן וועט ווערן דער מלחמה פלאַקער.
די גאַנצע וועלט איינגעהילט אין שלום,
מקוים וועט ווערן ישעיהוס חלום.

נאָוועמבער, 1950

ישעיהו

(פראַגמענט)

די ווייס-בלויע הייזער טוליען זיך צוזאַמען,
אויף די פעלדער פאַשען זיך די לאַמען.
די פייגל-געזאַנגען קלינגען ווי די גלאָקן,
אין די בליענדיקע ווייַן-שטאָקן.
באַדעקט די ביימער מיט ווייסן צווייט,
דאָס קאָרן אויפן פעלד בליט.

* * *

איבער ירושלים׳ס ווייסע הייזער,
גייט אויף די זון, אַ שטראַלנדיקער ווייזער.
מיט איר ליכט העלן
באַגריסט זי די בערג און טאָלן,
אירע קרעלן
שטראַלן, פאַלן.
קוימענס-רויך
קנוילן הויך.
איבער גאַסן זיך טראָגן
וואָגן נאָך וואָגן
מיט ליים און מיט ציגל,
צו בויען די שלעסער,
וואָס זענען שוין פאַרריגלט.

* * *

ישעיהו אין ווייסן כאַלאַטן קלייד,
אויפן שטעקן אָנגעשפאַרט שטייט.
רעדן די ליפן פון אונטער דער באָרד,
מאָנט זיין וואָרט.
זיין קול רופט און שטראָפט:
איר פון ירושלים די יידן,
אונטער ווייסע דעכער איר לעבט אין פרידן,
אונטער בלויע קיטלען באַהאַלטן,
מיט צירונג באַדעקט זיינען אייערע געשטאַלטן.
אין זיי דעם שמיד׳ס זיך מיען,
זיינע פינגער איצט בריען.
אין אייערע וואָלן,
ליגן די פינגער פון וועשער געשוואָלן.

ווילי מעקגי*

פונם ציקל,
שעם זיך אַמעריקע

לאָפּט שוין דער טויט אויף דער טיר פון דיין צעל,
מיט דער האַק איבער אַקסלען פאַרהויבן.
גרייט דיך צו טויטן לויט ריכטערס באַפעל,
דיין לעבן פון דיר אָוועקרויבן.
ער טרעט שוין אַריבער די שטיינערנע שוועל,
שיטן זיך פון סטעליע טויטן־שטויבן.
פאַר דיין שוואַרצער הויט,
ער משפּט דיך צום טויט.

עס שלאָפט נישט דער ריכטער ביינאַכט,
ס'איז דיין אומקום אויף זיין זינען.
פון זיין אורטייל ער טראַכט,
מען וועט דיך מקבר זיין אין באַגינען.
„ער איז דאָך אַ שוואַרצער“, ער לאַכט,
ער זעט נישט ווי עס טוט דיין בלוט רינען.
„כ'בין אַ העלד“, ער טראַכט אין הארצן,
כ'האָב אומגעבראַכט אַ שוואַרצן.

אין מיסיסיפּי — די לופט פאַרשטיקט,
פון רויך פון מענטשלעכן געביין.
עס האָט דער טויט געזיגט,
די קינדער פאַריתומט אַליין.
דער קרבן אין קבר שוין ליגט,
יאָמערט דאָס קינדעריש געוויין.
דער קאַמער ניט פאַרשלאָסן, פאַרריגלט,
דעם קרבנס טריט אין צעל פאַרזיגלט.

* ווילי מעקגי, נעגער־קרבן פון אַ בלבול־אַנקלאַגע אין מיסיסיפּי, איז הינגעריכטעט געוואָרן דעם 8טן מאַי, 1951.

„זיי האָבן מיך פֿאַרברענט,
ווייל שוואַרץ איז מיין הויט.
מיך פֿאַרשלאָסן צווישן טויטע קברים־ווענט,
עס שפּאַנט צווישן צעלן דער טויט.
ס'איז די גערעכטיקייט פֿאַרלענדט,
זיי נעמען פֿון מיינע קינדער דאָס ברויט.
זיי האָבן לינקאָלן פֿאַרשוועכט,
די נעגער ווידער פֿאַרקנעכט".

טרויערט האַרלעם נאָך דיין טויט,
זיי זיינען מטהר דיך אין טרערן.
מיסיסיפּים ערד פֿון בלוט רויט,
דיביימער פֿאַרפֿוילטע ווערן.
עס וואַקסן קיין ווייצן פֿאַר ברויט,
עס טונקלען און פֿינצטערן די שטערן.
כמאַרעס די זון פֿאַרציען,
טוי־טרערן אויף גרינע בלעטער תּליהן.

דער אומקום־שטול מיט זודיק בלוט באַדעקט,
טראָפּנס בלוט גליווערן אויף די זייטן.
אַ שטיק רוי פֿלייש דאָ שטעקט,
אויף איר ברעג בלוט טראָפּנס רייטן.
פֿאַרסמאַליעטע הויט זיך אַלץ באַוועגט,
דער יאָמער־געשריי קלינגט נאָך אַלץ פֿון ווייטן.
1951

דער פּאַסטאָר מען

פונם ציקל,
שעם זיך אַמעריקע

עקט זיך די זון אויפֿן הימל־זוים,
אויף ווייץ־פֿעלדער זי וואַרפֿט אירע שטראַלן.
הערט זיך פֿון פֿייגל דאָס פּישטשען קוים,
טוי־טראָפּנס אויף די זאַנגען פֿאַלן.

די הייזלעך אין נאָרפֿאָלק פֿון שלאָף זיך וועקן,
די נעגער, אויסגעפּוצטע מען זעט.
די זאַנגען, זייערע קערנדלעך מיט גאָלד באַדעקן,
זונטיק, מען גייט צום הויז פֿון געבעט.

אויפֿן קאַפּעל דער פּאַסטאָר שטייט,
צו די נעגער ער טוט רעדן.
קלינגען הילכיק זיינע פֿרידלעכע רייד,
עס שיינען די אויגן ביי יעדן.

„ווייסע, שוואַרצע, זאָלן זיין זיך ברידער,
געגלידערט האַנט אין האַנט.
צוזאַמען זינגען שלום לידער,
אין פֿרידן, לעבן באַנאַנד“.

גייט דער פּאַסטאָר צווישן גראָזן פֿון מאַי,
פֿון זיין נעגער־פֿאָלק ער טוט טראַכטן.
ווען וועלן זיינע ברידער שוין ווערן פֿריי,
מען זאָל אויפֿהערן שוואַרצע פֿאַראַכטן.

עס טוט איבער נעגער זיך הויבן די שווערד,
מען צילט אַ פֿייל אין זיין האַרצן.
ווי דאָס זאַמד אויף דער ערד,
הפֿקר דאָס לעבן פֿון שוואַרצן.

פלוצים צוויי קלעניקעס בינדן זיינע הענט,
איבערגעריסן ווערן זיינע געדאַנקען.
שטופּן אים אַריין צווישן אויטאָ־ווענט,
שלאָגן אים מיט אייזערנע שטאַנגען.

נעמען אים מיט געוואַלד צו די זאַמדן,
זיינע הענט און פיס זיי צעבינדן.
מיט נאַפט זיי באַגיסן זיינע קליידער־ראַנדן,
דעם פּאַסטאָר זיי אונטערצינדן.

ברענט דזשאָזעף מען ווי אַ פאַקל,
קריכן אויף זיין פלייש די פלאַמען.
ער טוט קיין געשריי, קיין וואַקל,
ברענען זיינע קליידער מיטן גוף צוזאַמען.

* * *

דער פּאַסטאָר ליגט אין שפּיטאָל,
פרימאָרגן, הערן זיך די פייגל קלאַנגען.
„ברידערשאַפט“, שעפּטשען זיינע ליפּן אין אַ שוואַכן קול,
דער נעגער־קרבן איז אויסגעגאַנגען.

1951

נקמה

פסח, וואַרשע, חודש ניסן...
אָנשטאָט וויין צו גיסן,
האָבן ביקסן זיך צעקנאַלט
אויפן העקער פונעם וואַלד,
אויפן קוילער, אויפן שעכטער,
אויפן ברוינעם „רייכס-וועכטער".
אויף טויט, אויף לעבן —
זיך נישט אונטערגעבן!

* * *

עס הילכן פון ווייט און פון נאָענט די שאָסן;
שטיקנדיקער רויך ציט זיך אין קנוילן —
די נאַציס מיט האָגל פון פייער באַגאָסן,
אין ציטער, אין פחד פאַר יידישע קוילן.

עס לויפן די דייטשן אין בהלה,
ברענען זייערע גופים — טמא.
יעדער צינד-פלאַש באַגלייט מיט קללה
דונערט דער רוף פון נקמה.

דער רוף פון נקמה ווערט נצחון!
די „בראַוווע" עס. עס.,
וואָס האָבן יידישע קינדער דערשטאָכן,
זיינען איצט ביי די ווענט געקראָכן.
פון בוידעמס און דעכער,
פון גריבער און לעכער,
פון בונקערס און שטאָקן —
קעמפן בחור, מיידל און זקן.

פלאַמט און פלאַקערט די שלאַכט,
ליכטיקט און העלט די נאַכט
פון די פלאַמען,
וואָס גיסן זיך צוזאַמען
אין איין העליש פייער,
ווי אַ סטויג היי אין שייער.

דאָ, פונעם טויער
פאָרן אין לויער,
נאַצישע טאַנקן, האַרמאַטן —
זיי באַגעגנט אַ רעגן גראַנאַטן.
די הימלען צינדן זיך אין פלאַמען;
ברענען טאַנקן מיט נאַצים צוזאַמען.
ווערן טמא די ברוקן,
פון דייטשישע פגרים.
אויף יעדער גאַס,
נאַצי-קברים.
נקמה!
פאַר יידישע קינדער,
געפירט צום טויט,
ווי שאָף און רינדער.
נקמה!
פאַר די דערשטיקטע אין וואַגאָנעס,
פאַר די צעשניטענע אונטער די רעדער פון „שוואַרצע וואָראָנעס" *.

פסח ביינאַכט,
אין פייער פון שלאַכט.

* שוואַרצע עס. עס. אויטאָמאָבילן, וועלכע פלעגן אינמיטן טאָג אַריינפאָרן אין געטאָ, אַריבער צו פאָרן און הרגענען די יידישע פאַרביי־גייער.

באַווייזט זיך ר' מייזליש דער רב —
זיין פאַרמעט פּנים
פלאַמט מיט נקמה־רוף;
זיינע אויגן מילד־בלויע,
די האָר פון באָרד גרויע,
באַוועגן זיך אין ברכה צו די יונגע לעבנס,
וואָס צום טויט זיך אָוועקגעגעבן.
נישט שטאַרבן ווי לעמער ביי דער שחיטה!
די דייטשישע באַפעלן האָבן מער קיין שליטה.
און עס בענטשט זיי ר' מייזליש,
גיט זיי מצה אַ כזיות,
און טיילט מיט זיי די אחריות.
זייערע קעפּ ער גלעט,
צו זיי ער רעדט
מיט ליפּן געפּליסטער:
„קיין קויל זאָל ניט פליען אַן אומזיסטע!"

* * *

דער ערשטער זיג...
פאַרוועבט אין דער נאַכט,
די געטאָ וואַכט
צו נייער שלאַכט.
און ביי דער געטאָ וואַנט
אַ יידישע וואַך שטייט —
צום קאַמף ווייטער גרייט.
אויף טויט, אויף לעבן —
זיך ניט אונטערגעבן!

אַפּריל, 1952

אַ טאָג אין געטאָ

וווי אַ שוואַרצער דונער
האָבן זיך איבער חורבות,
אַ טראָג געטאָן די ברוינע,
קיינעם ניט צו שוינען.
מיט שטעקן און מיט רוט,
מיט ווילדער גיריקייט נאָך בלוט,
געשלעפּט פון בעט די קינדער
ווי רינדער,
צו דער שחיטה.
עס האָט רחמנות ניט קיין שליטה.
ביי די שעכטער
העלפט קיין בעטן.
מיט ווילדן געלעכטער
זיי כאַפּן קינדער אויף באַיאָנעטן.
ברענען בערד פון אַלטע זקנים,
צום הימל גייען די געוויינען.
ברוינער דורשט ווערט גרעסער,
„טראָפּנס טריפן פונעם מעסער“.
באַפלעקט פון מאָרד און שאַנד
די געטאָ וואַנט —
ש ט ו ם
דערציילט פון אומקום,
פון פנימער צעהאַקטע,
פון וואַגאָנעם געפּאַקטע,
מיט קינדער און פרויען.

האָט דער טאָג דער שיינער,
געענדיקט זיך אין גרויען.
וויינט יעדער שטיין און זאַמד
פון בלוט און שאַנד.

* * *

בלוט פון אונטער שטיין
לאָמיר הערן דיין געוויין!

מערץ, 1952

ש

קברים

טילער, שטילער, מצבות שטארצן,
קברים שטומען אין שוואַרצן.
פאַרוואַקסן אין ווילדע גראָזן,
דער בית־עולם זומפּט.
אַ קויל געלעכערטער בוים פאַרלאָזן
שטומט.
אַן עדות פון די גרוילן,
אַ שווייגנדיקער בוים פאַרהוילן,
דורכגעזיפּט פון קוילן.
דאָ האָבן דייטשן בלוט פאַרגאָסן,
קינדער געשאָסן.
אויבן שוואַרצט דער הימל,
אין די קברים —
קדושים אין אייביקן דרימל.

* * *

פאַרוואָס שיינסטו זון און העלסט ?!
אויף דעם אָרט
וואו דער מאָרד
איז דער סדר פון טאָג.
קברים די פעלדער זייען,
מצבות גרוילן און שטייען.
טויט.
די ערד גרוילט.
ווער ווײנט אַזוי ?
דאָס קבר פעלד
באַטרערט מיט טוי.
אַ טויטע וועלט
פון קינדער איינגעקנוילט.

שטילער, שטילער, קברים גרוילן,
קדושים קנוילן,
דעם נאַצים רויב.
זיי ליגן אין די קברים,
פאַרוואַנדלט אין שטויב.

1952

א

פ אַ ר ג ע ס ט   נ י ט

ויף די פעלדער פון מאַידאַנעק זאַנגען בליען,
פייגל מיט געזאַנגען פליען.
נאָר אונטער דער ערד,
ביינער.
געבליבן איז קיינער.
געברענט,
געהאַנגען,
געשאָסן.
אומשולדיק בלוט פאַרגאָסן.

איר ביינער און אַש פון מאַידאַנעק אין טאָל,
לאָזט הערן אייער קול!
אייער שוואַרץ געזיכט זאָל שוועבן אויף דער ערד,
און ווייזט וואָס געטאָן האָט די נאַצישע שווערד.
פירט צו די געלעכערטע ביימער אין וואַלד,
איר ביינער און אַש, ווייזט אייער געשטאַלט.
פון די פינצטערע קברים אַרויס,
באַווייזט, ווי דער אומגליק איז גרויס.
פירט אונטער די געטאָ שטיינער,
פאַרמישט מיט אַש און ביינער.
פירט צו די קברים פון פאַרברענטע סקעלעטן,
קנאַקן די ביינער אויף וועמען מיר טרעטן.

דערמאָנט —
עס וויגט זיך די פעטליע איבער קרבנות.
שניידט די העלדזער און קיין רחמנות.
קרייעט מיט אַנזאָג פון טויט דער האָן,
טויט איז די לופט אונטער נאַצישער פאָן.
שוועבט דער מלאך המות אין דער לופט,
קיינער שרייט,
קיינער רופט.

איר לעבעדיק באַגראָבענע,
אין גאַז־קאַמערן דערשטיקטע,
קרעמאַטאָריע פאַרברענטע,
איר פרויען געשענדטע:
לאָזט הערן אייער קול,
פון די קברים,
אין באַרג,
וואַלד,
אין טאָל.
אין שוואַרצע תכריכים געהילט,
נישט שטילט!
מיר, דאָס אַש פון די אויוונס צו אייך שרייען:
די בלוטיקע הענקער ניט באַפרייען!
„וואָס געווען איז געווען"
טאָר ניט געשען!
פאַרגעסט ניט!
פאַרגיט ניט!

1951

ג ע ד ע נ ק

עס שוועבן נאָך וואָלקנס פון אַש און פון רויך,
איבער די הימל רוימען.
יאָמערן נאָך קינדערישע געוויינען אין דער הויך,
עס שטאַרצן ווי עדות די קרעמאַטאָריע קוימענס.
שטייען חורבות באַדעקטע מיט בלוט,
עס וואַלגערן זיך מענטשן-ביינער.
דער מלאך המות אויף די קברים נאָך רוט,
צעשמעטערטע שאַרבנס אונטער שטיינער.
צעשפּרייט ווי זריעה אויף פעלדער,
עס שטומען די קברים
צופוסנס דיביימער אין וועלדער.
און די גראָזן;
פאַרוועלקטע,
פאַרלאָזן,
נאָך פייער און פלאַם.
און מען מאַכט שוין שלום מיטן קוילער פון לאַם.
מען פאַרווישט די בלוטיקע פלעקן פון דער ערד.
און מען פאַרזילבערט דעם אכזרס שווערד.

וואו זייט איר סקעלעטן מיט הויט געלער?
וואו זייט איר פאַרפּייניקטע אין געשטאַפּאָ קעלער?
קרבנות פון אומקום
וואו זייט איר?
קומט אַרויס פון די
קברים,
גריבער,
און לעכער.
לאָזט הערן אייער קול אַלץ העכער.
דערציילט — פון די אויוונס,
דערציילט — פון די ביינער הויפנס,
דערציילט — וועגן בלוטיקן אומקום פון ייד,
געטריבן צום טויט מיט ליד.

איצט — די פאַרפירער פון די יידן,
צוזאַמען שמידן
אַ שלום מיטן רוצח.
מיט אַ שמייכעלע ווייך,
פאַרהאַנדלען דאָס אַש און גלידער,
פון שוועסטער און ברידער,
וואו ביסטו עמוס זאָלסט שטראָפן מיט דיינע לידער?

* * *

צום האַנדלען מיט ביינער פון אייגענע יידן,
צום מאַכן מיטן תליון פרידן:
ניין!
דאָס קול פון יידישן פאָלק דונערט שאַליק:
זכר את אשר עשה לך עמלק!

פעברואַר, 1952

עס בלוטיקט קאָרייע

אויף דיינע פעלדער וואו געוואַקסן זיינען זאַנגען,
ליגן לעבנס אויסגעגאַנגען.
פליען טויטנדיקע קוילן,
אין פייער קנוילן.
ס'איז זייער לעבן פאַרביי געגאַנגען,
אַנדערע מיטן טויט זיך ראַנגלען.
ברענט און פלאַקערט די שלאַכט,
פון טאָג ווערט נאַכט.
שלאַכטלער טויטע פאַלן,
עס שטראָמען פייער וואלן.

* * *

אָ, ערד,—
עפן אויף דיינע אויגן,
דו פון יונגע לעבנס בלוט אַדורכגעזויגן.
די מלחמה צינדער זאָלסט צעשטערן,
דער רויך פון הימל זאָל פאַרשוואונדן ווערן.
ביקסן און שווערדן פאַרניכט,
צעשטער פאַרניכטערס געזיכט.
דיינע פעלדער מיט זאַנגען זאָלן בליען,
נישט קראָען זאָלן אַרומפליען.
דאָס גראָז ניט רויט באַפלעקט,
דאָס גראָז מיט גרינס באַדעקט.
אָ, ערד,—
איינגעהילט אין שלום זאָלסטו ווערן,
די מלחמה-צינדער זאָלסטו צעשטערן.

1951

ד

די פּאַרטיזאַנערין פון קאָרייע

יין לעבן האָסטו פאַרלוירן אויף קאָרייער פעלדער,
צום טויט ביסטו געגאַנגען מיט מוט.
געפאַלן ביסטו אין פאַרטיזאַנער וועלדער,
דער שניי רויט, באַשפּריצט מיט דיין בלוט.

דיין פאָטער-לאַנד קאָרייע האָסטו פאַרטיידיקט,
געשלאָגן דעם שונא מיט ביקס אין האַנט.
געקעמפט האָסטו מיט זיג-ליד אויף די ליפּן,
מיט דיינע חברים באַנאַנד.

ערשט נעכטן האָסטו געזייט אויף די פעלדער,
געשניטן דעם ווייץ אויף צו האָבן ברויט.
היינט האָסטו דיין סערפּ אויף אַ ביקס פאַרביטן,
און שוין שטייסטו פאַרן טויט.

אויסגעביטן האָסט דיין היים אויף וואַלד,
אַליין געבליבן זיינען טאַטע-מאַמע.
מיט ברידער פאַרטיזאַנען,
אין קאַמף ביסטו אַוועק צוזאַמען.

איצט טריפט פון דיין האַרץ בלוט,
ראָז אונטער דיר דער שניי.
איבער דיר בויגן זיך דיינע חברים
פּאַרטיזאַנען צוויי.

עס טרינקען זיך אָן די פעלדער מיט בלוט,
מיט מענטשלעכע לעבנס פאַרזייט.
עס וואַקסט מער קיין קאָרן, קיין ווייץ, נאָר מיט מוט
דער קעמפער אויף דער וואַך שטייט.

פאַרשוואונדן זאָל ווערן דער פינצטערער היינט,
זינגען די פייגל פון מאָרגן דאָס ליד.
נקמה צו נעמען פון בלוטיקן פיינט,
עס דונערט אויף פעלדער דאָס קול פונעם זיג.

1951

צוויי מיליאָן

וויין, דו קאָרייע,
מיט טרערן פיל אָן דיין בעכער,
לאָז הערן דיינע קינות וואָס העכער.
פאַדער און מאַן —
די לעבנס פון אומשולדיקע צוויי מיליאָן.

פאַרהויבן ווי וועלף די מאָרדעס
זיינען האָרדעס
אַריין אין דיין לאַנד.
מיט אַ מלאך־המותדיקער האַנט,
פאַרחורבעט דיינע פעלדער,
געלאָזט קינדערישע ביינער אין וועלדער.
זייערע הענט אין קאָרייאיש בלוט געטונקען,
שטעט און דערפער אין חורבות דערטרונקען.

ליגט אַ קאָרייאישע מאַמע טויט,
גליווערט איר בלוט אויף פאַרטריקנטער הויט.
אירע קינדער נאַקעט, הויל,
קושן איר אין מויל —
אפשר וועט די מאַמע זיך אויפכאַפּן פון דער קויל.

אַ, דו קאריייע,
וויין
אויף דעם אומשולדיקן געביין.
אויף די מאַסן קברים גריבער.
אויף די חרובע שטיבער,
אויף דעם בלוט באַפלעקטן קאָרן.
צאָרן,
זיך צעצאָרן!
פאַדער און מאַן —
די אומשולדיקע לעבנס פון צוויי מיליאָן.

פעברואַר, 1952

דער מאַמעס קול.

אָבן זיך הארמאטן צעדונערט,
אין דער שטילער נאכט.
ווי א שמייסנדיקער בליץ טראָגט זיך די קויל,
און זיך אין פלאמען צעקראכט.
צערייסט לעבנס אין שטומען גרויל,
אין בלוט און טויט צעפלאַמט די שלאַכט,
קערפערס, אייזן, צונויפגעקנוילט.

* * *

פארלארן, עלנט, אליין,
זיצט א סאָלדאט אויף א שטיין.
די ביקס, ביי דער זייט,
דער טויט האָט אים פארמיידט,
אן אייטערדיקע וואונד אפן,
טריפט בלוט טראָפן נאָך טראָפן.
ער האָט זיך אן זיין היים דערמאָנט.
ער זעט די מאמע,
מיט פאלדן אויפן שטערן.
די האָר גרוי ווערן,
די אויגן גלאָזיק אויסגעשטארצט.
איר פנים שווארץ.
„איז דאָס די מאמע פון פאריאָרן?
אזוי שנעל אלט געוואָרן?
אנגעטאָן אין שווארצן,
נאָך וועמען טרויערט זי אין הארצן?"
עס ווערט זיין חלום צעריסן,
ס'האָט זיך דער שונא באוויזן.
און קוים די ביקס גענומען,
און די שווערד קרומען,
האָט אים אין הארץ געטאָן א ברי,
געוואָרן איז נאכט פון מאָרגן פרי.

אויפן פעלד א פרישער קבר וויינט.
שטייט א קרייץ פארשטיינט,
ווערט דער קרבן צעפוילט,
דער סטעפ גרוילט.

* * *

רוישיקע גאסן, מענטשן שטראָמען,
הייזער, ׳קראָמען.
ביים קליינעם הייזל אין דער זייט,
פון דער גאס געשיידט,
זיצט אן אלטע פרוי,
אין א שווארצן קלייד.
די האָר — שווארץ־גרוי.
טרערנדיקער טרויער אין די ווייכע אויגן,
קאָפּ — צו ערד געבויגן.
אויף דער טיר אויסגעקריצט:
„אַ העלדישער זון, זיין לאַנד באַשיצט.“

דער מאמעס אויגן פארמאכט.
גיסן אירע טרערן,
ווי קוילן אין דער שלאכט.
איר זון וועט זיך ניט אומקערן,
זי וועט מער ניט הערן זיין הילכיקן לאך.
יאָמערט דער מאמעס קול:
„נישט העלדן — מאוול פון שטאָל,
נאר מיין איינציק טייער קינד,
וואָס ליגט דאָרט טויט אצינד.“

1951

עס טאָגט שוין

די נאַכט די שוואַרצע פאַרשווינדט שוין,
עס ליכטיקט און גרוי איז דער הימל.
די פינצטערע כמאַרע צערינט שוין,
עס וועקט זיך די זון פון איר דרימל.

עס וועקט זיך די זון הינטער כמאַרעס,
דערוואַרעמט די נאַקעטע פעלדער.
פאַרטרייבט די קעלט פון פאַרבאָרגענע שפּאַרעס,
באַזוניקט די ביימער אין וועלדער.

עס שמייכלען און צערטלען אירע שטראַלן,
אַ וואַרעם ווינטל טוט בלאָזן.
צעשמעלצט דאָס אייז אין טייכן און קוואַלן,
צעגרינט די פאַרגעלטע גראָזן.

עס ליכטיקט די זון און טאָגט שוין,
די וואָלקנס זיי ווערן צערונען.
דעם נעפּל זי פאַריאָגט שוין,
עס שמייכלט צעשטראַלט דער באַגינען.

1952

משלים

די הינט און די לבנה

עס האָבן זיך די הינט פֿאַרזאַמלט מיט דער כוונה,
צו פֿאַרטרייבן פֿון דעם הימל די לבנה.
„וואָס הייסט?!“
האָבן זיי געהאַווקעט אין איין קול.
„זי איז דאָך אונדזער שונא פֿון אַמאָל.
און נאָך ביז היינט,
אונדזער ערגסטער פֿיינט.
וויפֿל מיר האָבן זיך געפּרוּווט אויף איר פֿאַרקלייבן,
איר פֿון הימל ניט געקענט פֿאַרטרייבן.
היינט, ווען אפֿילו מיר דאַרפֿן זיך צום הימל אַרויפֿקריגן,
מוזן מיר די לבנה פֿאַר אַלע מאָל באַזיגן“.
און דער גערמאַנישער הונט, דער שפּירער,
איז געוואָרן זייער פֿירער.

איין נאַכט האָבן אַלע הינט צוזאַמען זיך גענומען,
און ווען די לבנה איז אַרויסגעשוואומען,
האָבן אַלע אויפֿגעהויבן אַ געביל, אַ געשריי,
די לבנה זאָל זיך דערשרעקן פֿאַר זיי.
ווען עס האָט אַ וואָלקן די לבנה פֿאַרדעקט,
האָט זיך אין די הינט אַ פֿרייד דערוועקט.
אַזאַ זאַך! פֿאַרטריבן די לבנה פֿונעם הימל,
זי פֿאַרשלעפּערט אין אַ דרימל.
און ווען זיי האָבן זיך פֿאַר פֿרייד געקאַטשעט אויפֿן רוקן,
איז די לבנה אַרויס אַ פֿולע, אַ רונדע, אַ מחיה צו קוקן.
די הינט איז פֿינצטער געוואָרן אין די אויגן,
זייער בילן טוט צו גאָרניט טויגן.
האָבן זיי זיך באַהאַלטן אין נאָרעס און גריבער,
אָפּגעלעגן אין טרויער ביז די נאַכט איז אַריבער.

* * *

קיינמאָל וועט זיך זיי ניט איינגעבן די כוונה,
צו פֿאַרטרייבן פֿונעם הימל די לבנה.

1952

די פרייהייט שעץ

פליט א פויגל מיט זיין פליגל-פריינט:
„ווייסט וואָס איך האָב געזען היינט?
אַ נעסט פון גאָלד.
כ'האָב אַהין געוואָלט —
אַריין.
נאָר די זונען שיין,
האָט מיך פאַרהאַלטן.
אין אַ טאָג אַ קאַלטן,
איז אַ מחיה דאָרט זיך צו פאַרקלייבן.
ניטאָ קיין ווינט וואָס זאָל דיך טרייבן.
קיין אָדלערס זאָלן דיינע אייער רויבן,
באמת אַ גן-עדן, זאָלסט מיר גלויבן.
און ווי מיר שיינט,
וועל איך זיך דאָרט אַריינקלויבן —
נאָך היינט".
„איי חבר מיינער,
דיין פרייהייט, שעץ.
ס'איז פאַר דיר אַ נעץ
פאַרשפּרייט אין שטייגל.
בוי אַ נעסט אַליין דיר,
אויף אַ ביימער צווייגל".
ער איז אַריינגעפלויגן צווישן ביימער צווייגן,
און געלאָזט זיין חבר אין שטיל שווייגן.

* * *

שטעלט זיך דער פויגל אויפן צווייגל,
באַטראַכטן דאָס שטייגל.
פון אויבן אַ דעכל מיט דריי גרויסע קנעפּ,
אינעווייניק צוויי טרעפּ.
און אַ פינגערהוט וואַסער קלאָרן.
דער פויגל צום שטייגל — אַן אָפּטער גאַסט געוואָרן.

און פון דערווייטן,
אַרומגעקרייזט די זייטן.
אַריין אין שטייגל האָט זיך אים געגלוסט.
אַליץ שטאַרקער איז אין אים דער לוסט.
אָנגענומען זיך מיט מוט.
„נאָר אויף איין מינוט“.
איז אַריין אין שטייגל מיט אַ ציטער
נישט באַוויזן צו טאָן אַ צוויטער,
האָט זיך דאָס טירל פאַרקלאַפּט,
און דער פויגל האָט זיך געכאַפּט
ער איז פאַרשלאָסן.
האָט ער זיך מיט צאָרן אָנגעגאָסן,
געוואָלט פאָכען מיט די פליגל זיינע,
נאָר די ווענט פון שטייגל זיינען צו קליינע
פאַר זיינעט וועגן,
די פליגל צו באַוועגן.

* * *

זיין פליגל־פריינט געטרייער,
איז לעבן אים געזעסן אַ פרייער,
אויפן צווייגל.
גערעדט צום פויגל אין שטייגל:
„איי, חבר מיינער,
אַזאַ טאָג אַ פיינער,
און דו זיצסט אין שטייג פאַרזעצט.
האָסט דיין פרייהייט גרינג געשעצט.
ווען וואָלסט דיין שנאָבל ניט געשטעקט אומעטום,
וואָלסטו ניט געזעסן עלנט און שטום.
צוליב אַ שטייגל אַ גאָלד קלאָרן,
ביסט אַ געפאַנגענער געוואָרן“.

מאַי, 1952

די באַן און די הינט

עס שטייט אין שטאָט אַ באַן און רוט זיך אָפּ,
סאָפּעט ווי אַ פערד נאָך אַ גאַלאָפּ.
פון קוימען זעצן וואָלקנס רויך,
פאַרשוואַרצן דעם בלויען הימל אין דער הויך.
און די וואַגאָנען הינטן אומרואיק שטייען,
די גרויסע רעדער ווילן זיך שוין דרייען.
דער לאָקאָמאָטיוו פון היץ צעגליט,
באַקוקט דאָס שנירל רעלסן וואָס ציט אַוועק און ציט.
ווי אַ בליציקער פערד אויף באַפליגלטע פיס,
וואַרט די באַן, ווי די סטאַנציע וואָלט געווען איר מיאוס.
דער קאָנדוקטאָר הייבט אויף די האַנט און שרייט,
די באַן גיט זיך אַ צעפּייף און לאָזט זיך אין דער ווייט.

* * *

שטייען צוויי הינט אויף די רעלסן אין דער זייט,
און קוקן ווי די באַן קומט אָן פון דער ווייט.
ווי אַ ריז פון שטאָל וואָס טראָגט זיך אויף זיין וועג,
צו איר שנעלקייט איז ניטאָ קיין ברעג.
די הינט מיט רציחה אויף דער באַן קוקן,
זייערע ציין — אַן אָנגעשאַרפטע זעג . צום צוקן.
האָבן פעסט באַשלאָסן:
זיי וועלן די באַן בשום אופן ניט דורכלאָזן.
די האָר געשטעלט קאַפּויר אין דער הויך,
האָבן זיי דערוואַרט די באַן מיט וואָלקנס רויך,
וואָס האָט פאַרסאַזשעט הינטער זיך דעם וועג,
אויף וועלכן זי האָט אַליין זיך פריער געטראָגן אין געיעג.
ווען די באַן האָט זיך פאַרבייגעטראָגן די הינטס אָרט,
זיינען זיי מיט אַ געהוקעריי אַרויס פון דאָרט,
און אָנגעהויבן דער באַן נאָכיאָגן.
פאַרשוויצטע, ווי נאָר שנעל די פיס האָבן זיי געטראָגן.

איינעם האָט באַגאָסן אַ שווייס, אַ קאַלטן,
האָט ער אויפֿגעהערט צו יאָגן און זיך אין גראָז באַהאַלטן.
דער צווייטער האָט זיין שבועה ניט פֿאַרגעסן,
מיט אַרויסגעזעצטע אויגן אין דער באַן זיך איינגעגעסן:
„ווען איך וואָלט איר געכאַפּט וואָלט איך איר צעביסן”.
און מיט מער נאָך מוט ווייטער זיך געריסן,
ביז די באַן האָט אַ פֿייף געגעבן אַ לאַנגן, אַ צעשאַלטן,
וואָס האָט שיעור די הינט די קעפּ צעשפּאַלטן.
דער הונט האָט אַ האַלב-טויטער זיך אָפּגעשטעלט
פֿאַרהאַלטן.
סאַפּענדיק האָבן אויפֿגעהויבן און זיך אַראָפּגעלאָזן זיינע ריפּן,
און בלוט פֿאַרמישט מיט שוים האָט זיך געגאָסן פֿון די ליפּן.
זיין הוק הייזעריק צעריפּעט,
ליגט צונויפֿגעקאָרטשעט קוים וואָס ער זשיפּעט.
די באַן האָט ווייטער זיך געטראָגן אין דער צייט,
און מיט אַ צעהילכטן פֿייף פֿאַרשוואונדן אין דער ווייט.

* * *

און נאָך אפֿילו היינט,
זיינען די הינט דער באַן אַ פֿיינט.
און וויפֿל זיי וועלן איר פּרוּוון פֿון די רעלסן פֿאַרטרייבן,
וועט די באַן זיך ווייטער פֿאָרן,
און די הינט וועלן מיטן האַווקען בלייבן.

1952

דאָס אייזל און דאָס פערד

דאָס פערד און דאָס אייזל, שכנים צוויי,
שטייען מיט אויערן פאַרלייגטע.
די וועלט פון אַרום פאַרמאַכט איז צו זיי,
צו דער קאָרעטע די העלדזער פאַרנייגטע.

עס פראַלט אויף די טיר און דער קוטשער אַליין,
נעמט דעם אייזל אַוועק אים צופירן.
דער אייזל שטייט, כאָטש גיי ריר אַ שטיין,
ער וויל אויף קיין טראָט זיך נישט רירן.

הויבט דער קוטשער אויף אים די רוט,
און שמייסט אים — רוחות און ווינטן.
קאָכט אויף זיך אין אייזל דאָס בלוט,
גיט דעם קוטשער אַ קאָפּע פון הינטן.

אַנטלויפט דער קוטשער און לאָזט איבער די רוט,
לאָזט אָפן צעפראַלט די טירן.
דאָס פערד הייבט אָן רעדן, נעמט אָן זיך מיט מוט:
„לאָז פון קוטשער זיך פירן.

„מיך שמייסט מען קיינמאָל, זעלטן אַמאָל,
און דו קריגסט די פאַרציע טאָג-טעגלעך.
פאָלג אים, ווען ער הויבט אויף זיין קול,
איז דאָס ביי דיר תמיד אוממעגלעך?!“

„דו פערדישער קאָפ, דו גראָבער“,
זאָגט דאָס אייזל מיט אַ קול פון אַ מידן.
„מיט דעם וואָס מען גיט דיר שטרוי מיט האָבער,
ביסטו פון אַלץ שוין צופרידן?

„איך גיי ניט און פֿאָלג ניט ווען יענער באַפֿעלט,
איך לאָז ביי דער נאָז זיך ניט פֿירן.
ער וועט מיך אויסנוצן, פֿאַרקויפֿן פֿאַר געלט,
פֿאַרמאַכן פֿאַר מיר זיינע טירן.

„דו פֿערד, שטייסט שטום און שטיל,
פֿאַר מיר איז דער טאָג גאַנץ לויטער.
אַ שטאַרקערן בריק און אויסגעצויגן אויפֿן דיל,
ליגט דער קוטשער צעלייגט אַ טויטער.

„די רוט פֿאַרוואַרפֿן, דעם קוטשער צעבריקען,
זיין מויל אויף אייביק פֿאַרשטומען".
עס פֿאַרענדיקט דער אייזל מיט אַ שטיל מאָרוקען,
„דער טאָג, ער וועט קומען, ער וועט קומען".

1952

כפרות

אין דער גרויסער הינער שטייג,
זיצן הינער איינגעקאַרטשעט.
דער האָן מיטן רויטן קאַם,
שטייט פון אויבנאָן און וואַרטשעט;

„אויף אונדז קומען גרויסע צרות,
אויף אונדז טראָגן זיך נייע גזירות.
מיט אונדז וועט מען שלאָגן כפרות,
פאַר דעם מענטשנס עבירות.

„וואָס קומט דאָס אונדז הינער, הענער,
מיר פון זינד זיינען לויטער“.
ער פּאַטשט מיט זיינע פליגל,
זיין קאַם ווערט נאָך רויטער.

און עס ווערט אַ גרויס געפּילדער,
אַ קוואַקעריי אין שטייג.
דער האָן ווערט נאָך ווילדער,
און ער גיט אַ קריי: „שווייגט!“

די הינער ווערן שטילער, שטילער,
ווי זיי וואָלטן איינגעשלאָפן.
זייערע קליינע אייגעלעך,
מיט טרערן ווערן פאַרלאָפן.

טרעט אַרויס אַ קוואָקע הון,
מיט אַ טרערנדיקן קול:
„כ'האָב ערשט אויסגעפּיקט אַ זון,
אויף אים וואַרט דער שאַרפער שטאָל“.

„איך בין אַ הינדעלע פון אייעלע אַרויס,
אַזוי פּיצעלע און קליין.
איידער איך וועל ווערן גרויס,
וועל איך צו דער שחיטה גיין“.

„וואָס אַרט אײַך דאָס כּפּרות שלאָגן.
אַבי מען גיט אײַך פּראָסע אַביסל;
האָט איר זיך ניט וואָס צו קלאָגן",
קוקעריקעט אַ האָן פון קערנער־שיסל.

עס באַפאַלן אים די הינער,
דזשאָבען איין זיך אין זיין קאָם:
„אַ האָן זאָל פון פאָלק זיין פרעמד?
איז ער פון אונדזער שטאַם?"

„קומט, איר הינער, הענער",
קרייעט אוים דער קאפּהאָן.
ער פּאַטשט מיט זיינע פליגל,
און שטעלט זיך אויבן אָן.

„איר הינער־פאָלק,
אויפן טויט מיר וואַרטן איצט.
קומט דער שוחט מיט זיין חלף,
מיט די שנאָבלען זיך באַשיצט.

„האַלטן לאָמיר זיך צוזאַמען,
צווישן זיך ניט קריגן.
קיינער קען אונדז דעמאָלט צאַמען,
קיינער וועט אונדז ניט באַזיגן".

* * *

נאָר מען שלאָגט נאָך אַלץ כּפּרות,
מיט די הינער יעדן יאָר.
ווען וועלן אויפהערן די צרות?
ווען וועט דער הינער־חלום ווערן וואָר?

1951

ד

ג א ו ו ה

ער זשאַבע גרינער אין דער בלאָטע,
איז דאָס לעבן געוואָרן נודנעוואַטע.
„דאָס זעלבע זאַמד, דער זעלבער ברעג",
האָט זי הייזעריק געריפּעט ווי אַ זעג.
ס'האָט די זשאַבע אַוועקגעלייגט אַ דרשה
פון ניין מאָס רייד:
„די וועלט איז דאָך לאַנג און ברייט.
ס'זאָל ביי קיינעם ניט זיין קשה
איך זאָל פאַרלוירן גיין,
חלילה, ניין.
איר זאָלט אין דעם פאַרגעסן".
די זשאַבעס זיינען גלייך געזעסן,
ווי אַ זעלנער־ראָטע.
און זיך צוגעהערט מיט מויל און אויער.
„איך קען דאָס לאַנד, ווי אָט די בלאָטע,
זאָל די ערד זיך שטעלן קאַפּויר.
איך מוז די וועלט דורכשפּאַצירן".
זי גיט זיך אַ צעבלאָז
און שפּרינגט אַריין אין גרינעם גראָז.

* * *

די זשאַבע שפּרינגט און קוואַקעט הויך:
און זי גלעט זיך אינעם בויך.
„איך וועל ווערן באַרימט, באַוואוסט",
צו גרויסקייט וואַקסט אין איר דער לוסט.
אַזוי פאַרזונקען אין די פּלענער,
הערט זי שנאָרכען אַ העלפאַנט.

די זשאַבע האָט זיך ניט דערשראָקן;
„ס'איז אַ שאַנד!
איך מיט אַזויפיל פאַרשטאַנד,
אַזוי פיין און עלעגאַנט,
זאָל זיך דערשרעקן פאַר אַ העלפאַנט?
איך וועל זיך אויפבלאָזן אַזוי גרויס,
וועל דעם חוצפהניק געבן אַ שטויס,
אַז ער וועט זיך איבערקערן".
די זשאַבע טוט קיין סך ניט קלערן,
הייבט זיך אָן צו בלאָזן,
און ווערט גרין ווי די גראָזן.
העכער, ברייטער אַ באַלאָן —
זי בלאָזט זיך נאָך מער אָן.
מיט גאווה און מיט צאָרן,
ביז זי איז צעפּלאַצט געוואָרן.

וועקט אייך אויף.

קומט דער פרימאָרגן,
מיט זון שטראַלן לויטער.
עס שפּרינגט אויף דער האָן,
און זיין קאַם ווערט אים רויטער.

דעם שנאָבל ברייט צעעפנט,
קרייעט ער און קרייעט.
די פליגל צעשפּרייטע,
אין דעם ווינט צעווייעט.

„דער מאָרגן נישט געקומען,
וועקסטו אונדז שוין אויף?"
שרייען קוואָקעס הינער,
פון נעסט צו אים אַרויף.

„איר פּעפּער איר פוילע",
צעבייזערט זיך דער האָן.
„וועקט זיך אויף, ווערט שוין וואַכע,
דער פרימאָרגן קומט שוין אָן.

„צעוועקט אייך, גייט אַנטקעגן,
דעם ליכטיקן פרימאָרגן.
וואָס גייט אויף אַלע וועגן
אָן ליידן און אָן זאָרגן.

„אויף די פליגל פון די טויבן,
וועט ער קומען דאָ צופליען.
די רויטע זון, זיין שטורקאַץ פאַרהויבן,
און דער טאָג וועט זיך צעבליען.

„וועקט אייך אויף איר הינער קוואָקעס,
קוקעריקעט הויך דער האָן.
וועקט אייך און צעוועקט אייך,
דער פרימאָרגן קומט שוין אָן".

1951

א

דער שטורעם

רייט זיך דער שטורעם די ערד צו באַפאַלן,
פאַרהילכן די נאַכט מיט דונער און קנאַלן.
אַלץ אויפן וועג צעברעכן, צעשטערן,
די תבואה אין פעלד צעבלאָזן, צעקערן.
די גראָזן, די בלומען, פאַרוויאַנען, פאַרגעלן,
די ליכטיקע זון מיט כמאַרעס פאַרשטעלן.
די גערטנער און פעלדער מיט בלאָטעס פאַרמיאוסן,
די שטעט און די דערפער פאַרפלייצן, פאַרגיסן.
די ביימער אין וועלדער מיט זומפּן פאַרזינקען,
די ערד די גאַנצע אין ימים פאַרטרינקען.
און זיין וועט די ערד פאַר ווינטן צו בלאָזן,
אַ וועלט אַ צעשטערטע, פאַרוויסטע און פאַרלאָזן.

ב

טראָגט זיך דער שטורעם איבער סטעפּעס און פליינען,
צו פאַרשוואַרצן די גאָלדענע זון וואָס טוט שיינען.
ער ברענגט מיט זיך פייער, ער ברענגט מיט זיך פלאַמען,
צום רייסן די ביימער באַנאַנד מיט די שטאַמען.
ער יאָגט זיך און טראָגט זיך — אַ וויכער געשווינדט,
ברענגט מיט זיך מיט דעם רעגן און ווינט.
די כמאַרעס, די וואָלקנס, דעם דונער, די קעלט,
אַלערליי רוחות צום צעשטערן די וועלט.
דעם שמייסיקן בייטשיקן שאַרפן בליץ,
און דער שוואַרצער מלאך המות שטייט אין דער שפּיץ.

ג

דער שטורעם מעכטיק איז אויף דער ערד,
ער כוואַליעט די ימים און קערט זיי און קערט.
דער בייטשיקער בליץ דעם הימל צעשערט,
דער דונער הילכיק פאַרחורבעט, צעשטערט.
עס שמייסט דער ווינט, פייערדיקע שמיץ,
יעדער פאַס פייער, אין הימל אַ קריץ.
דער רעגן שטראָמט, גיסט זיך און פאַלט,
ער טוט זיך צעפּליסן, פליצט און קוואַלט.
די כמאַרעס און וואָלקנס פאַרדעקן דעם הימל,
די זון איז געוואָרן פאַרפאַלן אין דרימל.
עס ברענען די וועלדער אין פייער און פלאַמען,
די ערד איז פאַרפליצט און פאַרטרונקען אין ימען.
דער שטורעם האָט זיך צו זיין הייל אומגעקערט,
געבליבן אַ וועלט איז, פאַרוויסט און צעשטערט.
און ס'האָט אַ שניידנדיקער פראָסט, אַ קעלט,
אַרומגענומען און פאַרהילט די וועלט.
אַוועק איז דער שטורעם, אַ וויסטע געלאַזן,
אַ חורבה, אַ מדבר פאַר ווינטן צו בלאָזן.

1951

די שלאַנג און דער מאַנגאָז

ס'איז די שלאַנג פאַרקנוילט אין גראָז,
לויערט אויפן מאַנגאָז:
„אָט וועל איך האָבן אַ גוטן רויב.
איך וועל ווערן שטילער פון אַ טויב,
מיט מוטער־שטים אים לויבן,
און דער שוטה —
זיכער וועט ער גלויבן.
אים אַ לעק טאָן מיט מיין צונג,
וועט פון זיין לעבן ניט בלייבן קיין פונק".

רופט די שלאַנג מיט צאַרטן קול,
איר חניפה־געזאַנג קאָלערט זיך אין טאָל.
דער מאַנגאָז האָט זיך נענטער 'צוגערוקט,
ער האָט געוואוסט —
אירע אויגן האָבן אויף אים פאַלש געקוקט.
און חניפה איז איר לוסט.
זאָגט די שלאַנג מיט ליבע־טאָן:
קום, וועל איך דיר אַ קוש טאָן".
נאָר עס האָט דער מאַנגאָז פאַרשטאַנען,
אין איר קוש איז גיפט פאַראַנען.
אָפגעשפרונגען אין אַ זייט,
און באַלד געווען שוין זייער ווייט.
צונויפגערופן די מאַנגאָזן,
מיט זיי זיך צו דער שלאַנג געלאָזן.
אויף דער שלאַנג אַ שפרונג געגעבן,
באַלד איז זי געלעגן אָן לעבן.

* * *

ליגט די שלאַנג אין זאַמד צעביסן,
אירע אברים צעריסן.
רעדט דער זיידע צו די מאַנגאָזן:
„לאָמיר די שלאַנג מער נישט טויטן,
מיט איר די ערד נישט פאַרקויטן.
איר גיפט נאָר אויסשניידן,
פון איר בים ניט צו ליידן.
וועט זי זיין וואויל ווי אַ קינד,
צערטלעך ווי דער פרילינג־ווינט."

1951

פוקסיק פוקס

פוקסיק פוקס, דאָס פיקסל מיטן ווייסן עק,
איז כיטרע, קלוג, אַ שרעק.
דעם גרעסטן חכם וועט ער אָפנאַרן.
אפילו דער לייב, דער האַר פון אַלע האַרן,
וועט אייך אַוועקגעבן דעם טאַטן מיט דער מאַמען,
אַבי ניט זיין מיט פוקסיקן צוזאַמען.
דערפאַר גיט מען אים אָפ כבוד און רעספעקט.
אַז מען טרעפט פוקסיקן אין וועג,
גיט מען אים מיט דרך־ארץ אַ פרעג:
„ר' פוקס, וואָס הערט זיך עפעס נייעס?"
ענטפערט פוקסיק:
„איך וויל אַ שטיקל האָזן פלייש, ס חיות!"
האָזן פלייש איז זיין שטענדיקער רויב.
דאָס קעפל מיטן דרויב,
באַהאַלט ער ביי זיך אין שייער,
ווארום האָזן פלייש איז זייער טייער.
ר' פוקסיק איז זייער אַלט,
גיין אויף יאַגד איז אים קאַלט.
שוין אַ זקן געוואָרן,
נישט ווי אין די יונגע יאָרן.

* * *

איינמאָל איז פוקסיק מיטן ווייסן עק,
געגאַנגען זיך אין וועג.
אַ ביסל האָזן פלייש האָט זיך אים געגלוסט,
און זיין שייער איז לער, פוסט.
שפרינגט אַרוים אַ האָז פאַר זיינע אויגן,
הויבט אָן לויפן פייל אוים בויגן.
טאַנצט און האָפקעט אויפן וועג,
און פוקסיק לאָזט זיך אין געיעג.
טראָגט זיך פוקסיק ווי אַ וויכער,
נענטער, נענטער, גיכער, גיכער,

„ער איז שוין אין די נעגל מיינע!"
נאָר העזל שפּרינגט אַרום פון די לאַפּעס זיינע.
יאָגט שוין ווייטער ווי אַ ווינט,
און פוקסיק נאָך אים געשווינדט.
דאָס געיעג דויערט לאַנג,
עס יאָגט דער פאַנגער נאָך זיין פאַנג.

* * *

פון דעם וועג גאָרנישט ווייט,
אין אַ ווינקל אין דער זייט,
איז אַ גרוב צוגעגרייט.
מיט אַ פּאַסטקע און אַ קייט.
פאַר אַ פוקס פונקט די ברייט.
עס טוט דער האָז פּלאַנירן,
פוקסיק פוקסן אַהין פאַרפירן.
אין דעם גרוב אים פאַנגען,
פאַרשפּאַרן צווישן שטייגן שטאַנגען.
פאַר כעס טוט פוקסיקן אין מוח קלאַפּן:
„איך וועל דעם האָז כאַפּן,
וועל איך אים צערייסן אויף שטיקער.
אַ חוצפּה צו אַנטלויפן, און פון מיר דער עיקר!"
נאָר פוקסיק ווייסט נישט וואָס פאַר אים איז אָנגעגרייט,
אַ פּאַסטקע מיט אַ קייט
דער האָז גיט איבער דעם גרוב אַ שפּרונג,
און פוקסיק, אַרויסגעלאָזט די צונג,
אָן קיין שום פאַרדאַכט,
פאַלט אַריין,
טראַך!
אין דער פּאַסטקע וואָס איז אָנגעגרייט.
פוקסיק פאַרמאַכט אין שטייג אויף אַ קייט.
פאַרשלאָסן איז פוקסיק, ווי אין שטייג אַ קראָ,
און קיין וועג אַרויס—
נישטאָ.

1952

די זון און די וואָלקנס

עס האָבן זיך וואָלקנס פאַרקליבן צוזאַמען.
זיי האָבן געטראַכט,
ווי די זון צו פאַרצאַמען.
אייביק זאָל הערשן די נאַכט:
„אייביק זי הערשט מיט איר ליכטיקן שיין.
דאָרט וואו זי איז, קענען מיר ניט זיין,
לאָמיר זי היינט אויף אייביק פאַרשטעלן.
פאַרפינצטערן איר ליכט-גאָלדיק-געלן.
מיר וועלן איר שיין פאַרצוימען,
פינצטער זאָל ווערן אין די הימל רוימען“.

* * *

האָבן זיך וואָלקנס צו דער זון געיאָגט.
פאַרשטעלן דעם אייביקן שונא וואָס ברענגט טאָג.
טראָגן די וואָלקנס זיך אָן אויף דער זון;
„איצט וועט זיין דיין אומקום“.
פאַרטונקלט געוואָרן איז די וועלט,
עס האָבן די וואָלקנס די זון פאַרשטעלט.

לאַכט די זון און טוט זאָגן:
„טויזנטער יאָרן מיין שטראַל איר ווילט פאַריאָגן,
אייביק איר ווילט פאַרשטעלן מיין ליכט,
מיינע שטראַלן באַזיגן אייער כמאַרע געזיכט.
אויף דער אַנדערער זייט וועלט,
בין איך ניט פאַרשטעלט.
דאָרט — ליכטיקט פריי מיין שיין,
דאָ, וועל איך אויך פריי זיין.
מיינע שטראַלנדיקע ליכטן,
וועלן אייך פאַרניכטן.
דער הימל רוים וועט זיך אין בלוי באַדעקן.
איר וועט מער מיך ניט פאַרפלעקן.

יולי, 1951

די שטראָף

עס גנב'עט זיך דער פוקס אין לויער,
אין מויל איז אים זויער
פון שוין אַ וואָך ניט עסן,
דעם טעם פון פלייש פאַרגעסן.
עס רינט אים די סלינע,
ער קוקט צו מיט קנאה,
ווי עס באַלעקט זיך דער הונט אין הויף,
וואָס נאָר פאַרן לויף
קריגט ער אַ זאַפטיקן ביין.
און ער, דער פוקס, איינזאַם, אַליין,
בלאָנדזשעט אויף די פעלדער,
נישטערט אין די וועלדער.
וויל זיך אין זאַפטיקן פלייש אַריינבייסן,
און צערייסן,
און זויגן.
עס גלאַנצן אים די אויגן,
אַ האָז האָט ער דערשמעקט.
גיריקייט נאָך צוק אין אים דערוועקט,
און ער לויפט אויפגערעגט,
ביז צום ביין —
דער האָז וועט מסתמא לאַנג ניט שטיין.

דורשט נאָך בלוט
אין אים ניט רוט.
אָט איז דער האָז,
פוקס שטעלט זיך ניט אָפּ
און שפּרינגט,
פאַרהויבן דעם קאָפּ,
אין זיין האַרצן זינגט
דער ווילן פונעם בייס.

און רײם
צעריים
דעם האָלדז
און פאַרצוקן אַלץ,
וואָס זיך לאָזט.

דער האָז,
פאַרפרוירן צום גראָז,
און רירט ניט קיין אויער.
דער פוקס אין לויער, —
שטוינט.
צו אַזעלכעס נישט געוואוינט.
מען דאַרף באַשמעקן,
אפשר אַ געפאַר טוט שטעקן?
ער טוט זיך באַלעקן;
דער ווילן נאָכן צוק, —
פאַרשטעלט דעם קוק.
און דער קאָפּ זאָגט:
„פאַרצער, און עס,
און באַלעק זיך מיטן פרעס.
און די ביינער זויג.
צום הונגער
העלפט ניט קיין אויג“.
זיך אַ טראָג געגעבן פאַראויס,
דעם האָז געטאָן אַ שטויס.
ס'האָט אַ מעסער אַ שניט געטאָן אַראָפּ,
און דער פוקס האָט פאַרוואָרפן מיטן קאָפּ.

1952

חײמלס

װעלט

מיין ברודער

מיין ברודער איז אַ שטיפער,
איך ליב אים זייער פיל.
אַזאַ טבע האָט ער —
ס'איז אַלץ ביי אים אַ שפיל.

דאַרף איך ערגעץ אַוועקגיין,
לאָזט ער מיך ניט גיין.
מיר שפילן זיך צוזאַמען,
און אָט לאָז איך אים אַליין.

קום איך צוריק, שרייט ער;
„אָט אהרן איז שוין דאָ!"
ווען דער טאַטע זאָגט גיין שלאָפן,
בעט ער נאָך אַ האַלבע שעה.

מיין ברודער איז אַ גוטער יינגל,
ער האָט ליב מעשיות הערן.
מעשיות וועגן חיות און מענטשן
און וועגן גרויסע בערן.

מיין ברודער האָט ליב צו טרינקען,
און זיצן אויף דעם זיידנס שויס.
און ווען ער ענדיקט טרינקען,
לויפט ער גלייך אין גאַס אַרויס.

יוני, 1949

ח

חיימלס חלום

יימל איז געלעגן אין בעט,
און איז אַנטשלאָפן געוואָרן.
האָט זיך אים געחלומט,
ער איז צו דער לבנה געפאָרן.

נישט פון שטיינער די לבנה,
ווי די באָבע האָט אים דערציילט.
נאָר פון צוקער, מילך, האָניק,
גאָרניט האָט אים דאָרט געפעלט.

גיט ער זיך אַ לייג אַוועק,
צו דער ערד ער קוקט אַראָפּ.
דעם מענטשנס פּיס אין דער הויך,
און ער גייט אויפן קאָפּ.

ווען זומער איז אין דרויסן,
טוט מען די פּעלצן אָן.
ווערט אין דרויסן פינצטער,
קוקעריקעט גאָר דער האָן.

אין שול גייען עלטערן,
זיידעס מיט ווייסע בערד.
און דער לערער איז אַ ייִנגל,
וואָס צען יאָר ערשט ער ווערט.

די הייזער צו וואוינען,
בויט מען אויך פאַרקערט.
די פונדאַמענטן אין דער הויך,
און די קוימענס אין דער ערד.

עסן דאַרף מען ניט קויפן,
אַלץ איז אָנגעגרייט.
אַ בוים פאַר פיש און פאַר פלייש,
אַ בוים פון ברויט דאָרט שטייט.

ביימער פון שפּילצייג,
ביימער אויך פון געלט.
פון אַלע גוטע זאַכן,
פון אַלצדינג אין דער וועלט.

מלחמה איז דאָרט ניטאָ,
ס'איז נאָר פאַראַן שלום.
קינדער שפּילן מיט אַ טויב,
ס'אַראַ שיינער חלום.

חיימל וויל זיין דאָרט,
ער גיט אַ שפּרונג, אַ לויף.
ער פאַלט און פאַלט פון זיין אָרט,
און כאַפּט זיך גלייך אויף.

רייבט ער אויס די אויגן,
און שפּרינגט אראָפּ פון בעט.
טוט זיך אָן און כאַפּט די ביכער,
ס'איז אים אין שול שוין שפּעט.

1952

דאָס פישל

איך בין אַ פישל,
גרוי און קליין.
דער גרויסער טייך
איז מיין היים.

מיט מיינע פריינט,
חברים פיש.
איך שפיל זיך אָפּט,
נאָר שלאָגן, נישט.

יעדן טאָג,
אַ חבר פאַרשווינדט.
אַלע זיינען טרויעריק,
דאָס פישל מער ניט קומט.

באַלד וועט דער טייך זיין ליידיק,
בלייבן וועט קיינער.
אָן חברים וועל איך זיין,
בלייבן וועל איך איינער.

וואַרפט דער פישער אַ ווענטקע,
מיט אַ האַטשיק אויף אַ שטריק.
ווער עס גיט אַ שמעק צום האַטשיק
קערט זיך מער ניט אום צוריק.

דאָס איז געשען מיט מיינע פריינט,
די חברים פיש.
זיי ליגן איצטער געבראָטן,
אויפן פישערס טיש.

ווי איז צו די פישעלעך,
וואָס היטן זיך ניט אָפּ.
זיי הענגען אויפן האַטשיק,
און באַצאָלן מיטן קאָפּ.

1951

צום נייעם שול יאָר

פאַלן בלעטער ברוינע, געלע,
בלייבן ביימער נאַקעט שטיין.
פאַלן בלעטער פון די ביימער,
אין הויפנס ליגן זיי אַליין.

לויפן קינדער דורך די בלעטער,
מאַכן אָן אַ שטויב אַ גרויסן.
לויפן קינדער דורך די גאַסן,
ס'איז אַזאַ טומל אין דרויסן.

רופן מאַמעס שוין די קינדער,
מען דאַרף אין הויז אַריין.
מען דאַרף גיין עסן וועטשערע,
מען דאַרף שוין שלאָפן גיין.

וועקט די מאַמע שוין פון שלאָף,
ס'איז צייט אין שול צו גיין.
מיט די ביכער אונטער אָרעם,
מען גייט אין שול, פריש און ריין.

סעפטעמבער, 1949

ס

חיימלס פרייד

’איז האַרבסטיק קיל אין דרויסן,
די זון קאַלטלעך שיינט.
חיימל איז זייער לוסטיק—
מיר מאַכן אַ סוכה היינט!

ברענגט דער טאַטע טשוועקעס,
און אַ האַמער אַ גרויסן.
חיימל כאַפּט אויף זיך דעם מאַנטל,
און געפינט זיך שוין אין דרויסן.

אַט קומט דער פעטער אהרן...
ביידע מיט שטאַרקע הענט.
זעגן ברעטער, קלאַפּן טשוועקעס,
עס וואַקסן הויך די ווענט.

חיימל פּלאָנטערט זיך אומעטום,
וויל אויך קלאַפּן אַ טשוואָק.
דער טאַטע הייסט אים אָוועקגיין,
ווייל ער פאַרדרייט דעם קאָפּ.

דער האַמער הילכיק דונערט,
די זעג גרילצט די גאַנצע צייט.
אָבער חיימלס זינגענדיק קולכל
אַלעמען פאַרשרייט.

די סוכה איז שוין פאַרטיק,
דער זיידע לייגט דעם סכך.
רויטע, ווייניקע עפּל,
הענגען פון גרינעם דאַך.

אַזאַ סוכה, אַזאַ שיינע,
וואָס מיר האָבן אין הויף געמאַכט.
קיינער האָט ניט אַזאַ סוכה,
אָנגעגרייט אויף די סוכות־טעג אַכט.

1950

ז

חנוכה

עווען א קעניג אנטיוכוס,
דער הערשער פון גריכנלאַנד.
יעדער פאָלק און יעדער מדינה,
געמאַכט האָט ער צו שאַנד.

געוואָלט האָט ער זיין דער הערשער,
דער האַר פון דער וועלט.
יעדער לאַנד און מדינה,
זאָל ווערן זיין געצעלט.

האָט זיין גרויס חיל,
פאַרנומען די גאַנצע ערד.
אַ סך אומשולדיקע מענטשן,
זיינען אומגעקומען אונטער זיין שווערד.

אויך ישראל האָט ער איינגענומען,
די יידן פאַרבאָטן גלייבן אין גאָט.
יעדער ייד איז אומגעקומען,
וואָס האָט נישט געהאַלטן זיין געבאָט.

געקומען זיינען גריכן,
אין דעם שטעטעלע מודיעין.
געוואָלט האָבן זיי נאָר,
מתתיהו זאָל פאַרן קופּער-געץ קניען.

צוגעזאָגט דעם כהן מתנות,
פון דעם קעניג אנטיוכוס.
גאָלד, זילבער און בריליאַנטן,
אַ סך גליק און מזל ברכות.

דער זקן האָט זיך נישט געבוקט,
ער וועט צום געץ ניט קניען.
דער אַלטער מתתיהו,
וועט ניט פאַרשוועכן דעם נאָמען ציון.

איז אַרוים אַ יידישער פֿאַרעטער,
און מתתיהוס געבאָט געבראָכן.
ווי נאָר געקניעט האָט ער צום געץ,
האָט אים דער זקן דערשטאָכן.

גענומען האָבן די יידן די שפּיזן,
זייער ברודער. געוואָרן איז די שווערד.
פֿאַרטרייבן וועלן יידן אנטיוכוסן,
פֿון דער יידישער ערד.

די יידן האָבן זיך אין די בערג,
און אין די טאָלן פֿאַרקליבן.
זיי האָבן דעם שונא צעשלאָגן,
זיי באַזיגטע פֿון ישראל פֿאַרטריבן.

געבוירן געוואָרן איז דער יום-טוב חנוכה,
ווען יהודה האָט דעם בית-המקדש באַנייט.
אַלע יידן זיינען געווען פֿריילעך,
ווען ישראל איז געוואָרן באַפֿרייט.

1950

ד

דער פראָסט

ער פראָסט מאָלט מיט זיין פענזל,
אויף די פענצטער און שויבן.
ער מאָלט אַ זומער־בוים נאַקעט,
מיט ליידיקע נעסטן פון טויבן.

דער פראָסט ער דרייט זיין פענזל,
וואו ער גייט דאָרט גיט אַ פריר.
ער באַמאָלט די גאַסן און די ביימער,
יעדן פענצטער און יעדן טיר.

וואו אַ יינגל אין דרויסן,
פרירט אים אָפּ די נאָז.
פון דעם שניי דעם ווייסן,
ווערט אַ וועג פון גלאָז.

די יינגלעך מיט די שליטנס,
גליטשן זיך שנעל.
יעדן איינעם אויף די היטלען,
בלישטשעט אַ שנייען קרעל.

די שליטנס פליען,
פון באַרג אַראָפּ אין טאָל.
אויערן און נעז גליען,
עס הערט זיך דאָס קינדעריש קול.

טרעשטשעט דער שניי אונטער די פיס,
וואָס דער פראָסט האָט פאַרפרוירן.
קייקלען זיך זעמדעלעך שניי,
ווערן אין דער ווייסקייט פאַרלוירן.

דער שניי ווי אַ ווייסער טישטוך,
האָט דאָס פעלד פאַרדעקט.
דער ווינט און דער פראָסט,
צערטלעך האָבן אים געלעקט.

נאָוועמבער, 1950

ד ע ר ג ר י י ז

(פ אָ ל ק ס ל ע ג ע נ ד ע)

אין אַ הייזל איינגעבויגן,
וואוינט אַ גרייז אַ גרויער.
זיינע טיפע בלויע אויגן,
איינגעזונקען אין טיפן טרויער.

קומט צו אים אַן אָרעמאַן,
בעטן ביי אים עסן.
גיט ער אים מיט פולער האַנט,
אין זיך ער טוט פאַרגעסן.

ווען די זון איז אויפגעגאַנגען,
דער טאַג האָט אָנגעהויבן גרויען.
האָט זיך אַן אָרעמאַן באַוויזן,
צווישן בערג און הימל בלויען.

קוים האָבן זיינע מידע פיס,
זיך איבער דער ערד געשלעפּט.
מיט שמאַטעס, מיט ליאַכעס,
געווען איז ער באַדעקט.

יעדער טראָט איז אַ מייל,
אַ מינוט אַ שעה איז געוואָרן.
געחלומט האָט ער פון אַ שטיקל ברויט,
געטרוימט פון די קינדער-יאָרן.

ווען געווען איז ער אַ יינגל,
איז ער געווען זאַט.
אַ מאַמע, אַזאַ גוטע,
האָט ער אין דער היים געהאַט.

די חלומות פאַרשוואונדן,
צער אין זיינע אויגן.
ער שלעפּט די פיס אין וואונדן,
און די פּלייצעס איינגעבויגן.

געקומען איז דער אָרעמאַן,
וואו עס האָט דער גרייז געוואוינט.
שלעכטע מענטשן האָבן אים,
מיט שטיינער דעם קאָפּ באַקרוינט.

זיינע קליידער צעריסן,
געפּייניקט ווי אין סדום.
הינט האָבן אים צעביסן,
ביז געאָטעמט האָט ער קוים.

האָט אים דער גרייז צו זיך גענומען,
געגעבן אַ קריגל מילך קלאָרן.
וויפל ער האָט נישט געטרונקען,
איז דאָס קריגל פול געוואָרן.

דעם הונגער אים צו שטילן,
האָט ער אים געגעבן ברויט אַ קריש.
וויפל ער האָט נישט געגעסן,
איז עס געוואָרן אויסגעבאַקן פריש.

און אַ פּאַלאַץ איז געוואָרן,
פון דעם הייזל איינגעבויגן.
און אַ טיש מיט גוטע זאַכן,
איז אויסגעוואַקסן פאַר זייערע אויגן.

ווען געגאַפט האָבן זיי פון וואונדער,
איז די אָרעמקייט פאַרשוואונדן.
אויףביידנס אַלטן עלטער,
פאַרהיילט געוואָרן זייערע וואונדן.

1950

ש נ י י

אַלט דער שניי
שוועבט געשווינדט.
טאַנצט צוגלייך
מיטן ווינט.

דער פֿוכיקער שניי
פֿאַרווייסט, פֿאַרדעקט.
וואו אויף דער גאַס
אַ פֿרייער ברעג.

דרייט דער שניי
אין אַ קרייז.
באַקליידט די ביימער,
באַפּעלצט זיי ווייס.

„שוין דער ווינטער דאָ,"
ליאַרעמען קינדער אין שניי.
דאָס יונגוואַרג מיט פֿראָסט,
חברים בעסטע צוויי.

כאָטש ס'איז קאַלט און פֿראָסטיק,
דער ווינט אין פּנים בייסט.
עס וואַקסט אַ גרויסער שניימאַן,
פֿון קינדערישער פֿלייס.

שניי קוילן מען וואַרפֿט,
אויף די דעכער און די ווענט.
אַזוי לאַנג איז מען אין דרויסן,
ביז עס פֿרירן שוין די הענט.

און די קינדער גייען שלאָפֿן,
דער שניי פֿאַלט אין נאַכט שפּעט.
ער פֿינקלט אין די פֿענצטער: „קינדער, קינדער,"
נאָר זיי ליגן שוין אין בעט.

נאָוועמבער, 1951

חײמלס שפּילערײען

לײבל איז אַ גרױסער שטיפער,
מאַכט אומעטום אַ געדודער.
פֿאַרװילט זיך אים אַ שפּיל טאָן,
רופֿט ער שױן זײן ברודער.

חײם! חײם! קום שױן שנעלער,
און בײדע ליגן שױן אױף דער ערד.
לײבל רײט אױף זײן ברודערס פּלײצע;
„איך בין דער רײטער, דו ביסט מײן פֿערד“.

לײבל זיצט אױף חײמס רוקן,
און שלעפּט אים בײ די האָר.
„איך צי די לײצעס שנעלער, שנעלער“,
עס איז פֿאַר אים די בעסטע פּאָר.

„אײ! דו ביסט אַ גוטער ברודער,
כ'האָב דיך ליב זײער פֿיל“.
לײבל כאַפּט זײן ברודער קושן,
אױסגעמאַטערט נאָך דער שפּיל.

אָט װיל ער װײטער שפּילן,
רוט ניט קײן אײן מינוט.
װיל חײם מער ניט שפּילן,
װערט אים אױפֿגעקאָכט דאָס בלוט.

הײבט אָן װײנען, הײבט אָן קװיטשען,
מאַכט אין הױז אַ גרױס געשרײ.
די מאַמע נעמט זיך פֿאַר אים אָן:
„שפּיל זיך חײם, גײ זשע, גײ“.

חײמל װיל איצט גײן אינדרױסן,
דאָס מאַכט לײבלען גאָרניט אױס.
זײ כאַפּן אױף זיך אַרױף די מאַנטלען,
און הײדאַ אין דרױסן אַרױס.

1950

חיימלס צרות

חיימל איז אַ יינגל,
ער איז צען יאָר אַלט.
ער האָט אַ שיין פּנים
און אַ שיין געשטאַלט.

פון געבוירן אָן,
ער טאָר קיין זיס פאַרזוכן.
פון די בעקערייען,
די גוטע זיסע קוכנס.

כאָטש איין צוקערקע אַ וואָך,
ווילט זיך אים זייער עסן.
נאָר דעם דאָקטאָרס רייד,
טאָר ער נישט פאַרגעסן.

אָן אייז־קרים יעדן טאָג,
שמעקט אים זייער אָן.
אָבער דער דאָקטאָר האָט פאַרבאָטן,
וואָס זשע קען ער טאָן?

גיט מען אים אַ צוקערקע,
וויל ער זי שוין נעמען.
אָבער ער דערמאָנט זיך,
דאָס געזונט איז פאַר וועמען ?!

אין מיטן אַ געבורטסטאָג,
ווערט די שמחה אים צעשטערט.
פאַרוואָס נאָר פאַר אים
זיינען די זיסקייטן פאַרווערט?

נאָר חיימלס טאַטע טרייסט אים,
ער זאָל זיך נישט זאָרגן.
ער וועט נאָך אַלצדינג קענען עסן,
מאָרגן! מאָרגן! מאָרגן!

יולי, 1950

דער שטיין רעדט

איך בין אַ קאַלטער שטיין אויף דער ערד,
איך ליג צווישן זאַמד און שטויב.
צו אַלע וואונדער איז מיר באַשערט,
צו זיין שטום און טויב.

מען וואַרפט מיך אום פון אָרט צו אָרט,
הפקר דאָס לעבן פון שטיין.
ניטאָ מיט וועמען צו רעדן אַ וואָרט,
ליג איך עלנט, שטום, אַליין.

מען וואַרפט מיך אויף דער ערד אַראָפּ,
ווען מען ווערט אין כעס.
איך פאַרליר אַ האַנט, אַ קאָפּ,
און ליג פון טרערן נאַס.

מיין זיידע, דער גרויסער שטיין,
האָט זיך אין מדבר פאַרקליבן.
איז יעקב אבינוס קישן געווען,
פון זיינע אייניקלעך דער איינציקער כ׳בין געבליבן.

פאַר הייזער מאַכט מען פון מיר ווענט,
אויטאָס אויף מיר פאָרן.
פון געביידעס בין איך דער פונדאַמענט,
וועגן ווערן פון מיר געבוירן.

באַנען אויף מיין רוקן איך טו טראָגן,
וואַסערן טו איך צוימען.
מיך נוצט מען צו פלאַסטערן ראָגן,
פון מיין קערפער וואַקסט אויס אַ קוימען.

טונעלן פון מיר מען בויט,
פון מיר ווערן מילשטיינער.
אין אויוון פון שטיין באַקט מען ברויט,
עס קען זיך ניט באַגיין אָן מיר קיינער.

אין זומער ווער איך אָנגעהיצט,
ווינטער פריר איך אין דער קעלט.
דעם מענטשנס טראָט אויף מיר זיך קריצט,
אויף מיר געבויט איז די וועלט.

יוני, 1951

טענות פון אַ שוך

מען קויפט מיך אין אַ שוך געוועלב,
אויף אַ פוס מיך מען מעסט.
קיינער ווייסט ניט ווי מיר טוט וויי,
ווען פוצן מיך מען פאַרגעסט.

ווען מען גייט איבער שטיינער,
איך די פיס באַשיץ.
ביינאַכט עס טראָגט מיך קיינער,
אונטערן בעט אַליין איך זיץ.

ווען עס ווערט אין מיר אַ לעכל,
דעמאָלט איז גאָר שוין שלעכט.
איך לייד און האָב צרות,
אַליין אין די לאַנגע נעכט.

מען גייט מיט מיר אין וואַסער, בלאָטע,
וואָס געפינט זיך אויף דער גאַס.
ווער איך זייער שמוציק, בלאָטיק,
און מיין הויט ווערט פייכט און נאַס.

פאַרגעסט מען מיך אָפּצופוצן,
איך זאָל ווידער ווערן ריין.
ליג איך אין געהאַקטע וואונדן,
אונטערן בעט ביינאַכט און וויין.

ווען איך ווער אַלט, אָן נוצן,
וואַרפט מען מיך אין גאַס אַרויס.
ווייל איך בין פון פוס צעריסן,
בלייב איך אָן אַ דאַך, אַ הויז.

איך ליג אין מיסט און טו קלערן,
מיין סוף וועט איצט זיין זייער שוואַרץ.
אַ קורץ לעבן, געזאַפּט אין טרערן,
וויינט יאָמערלעך מיין האַרץ.

מאַי, 1951

אלה תולדות ניקל.

אלה תולדות ניקל,
פשוט בליי א שטיקל.
געלעגן בין איך צווישן שטיינער,
געווען בין איך איינער,
צווישן גרויסע פעלזן גראניט.
נישט געווען קיין אונטערשיד,
ניט קיין ערגסטער, ניט קיין בעסטער,
אלע ברידער און שוועסטער.

* * *

אין איין העלן טאָג,
האָב איך געהערט א געיאָג.
מען האָט מיך איבער געשניטן
גלייך אין דער מיטן
פון מיין גוף.
און מיין רחמנות רוף,
האָט מען ניט געהערט.
איך בין געפאלן מיט א קראך
אויף דער ערד,
און א הארטע זאך,
האָט מיך געקוועטשט פון ארום.
פון ווייטיק בין איך שיעור געוואָרן שטום.
מיך געזעגט, געשניטן,
ארויפגעלייגט א שטעמפל אין מיטן.
ווען ס'האָט מיר אָטעם אויסגעפעלט,
בין איך ארויס אויף דער ליכטיקער וועלט.
און פון דעם פשוט בליי-שטיקל,
ארויס געקומען איז א ניקל.
איך ליג צווישן אסך ניקלס,
מיר זיינען אלע איינגעוויקלט.

איך האָב געטראַכט בײַ זיך,
אַז אַ חוץ איך —
איז ניטאָ קײן אַנדער ניקל אין דער װעלט.
כ'האָב געמײנט כ'בין אַ יחסן,
אײנער אױף דער װעלט.
איך װער געשאַצט,
איך פֿאַרנעם אַ בכּבֿודיקן פּלאַץ.
װײַל איך אװדאי בין שענער,
יענע זײַנען שװאַרצע, קלענער.
איך קוק מיך אום,
און װער פֿון שטױנונג שטום.
איך ליג שױן אין אַ ייִנגלס הענט,
ס'איז הײס, איך װער פֿאַרברענט.
אָבער דאָ, גיב איך אַ פֿאַל,
אין קאָפּ גיט מיר אַ קנאַל.

* * *

איך כאַפּ זיך אױף,
איך ליג אין אַ גריבל אין אַ הױף.
עס ליגט אױף מיר אַ שטײן־שטיקל.
און אַזױ פֿאַרענדיקט זיך
די געשיכטע פֿונעם ניקל.

1952

ח

די חתונה

יימל איז פריילעך,
ס'וועט אַ חתונה זיין.
אַ חתונה אַ שיינע,
מיט בראָנפן און מיט וויין.

איינער ברענגט די הינער,
אַ צווייטער ברענגט דעם האָן.
די מאַמע באַקט קיכעלעך,
מיט צוקער און מיט מאָן.

די באָבע פליקט די פעדערן,
עס איז אַ גרויס גערויש.
אָט ברענגט מען שוין די קניזשיקלעך,
און פרוכט אַ פולן קויש.

עפּעלעך און באַרעלעך,
און פרוכט אַ פולן בוים.
באַנאַנעס און וויינטרויבן,
דער דיל האַלט זיך קוים.

און מען קויפט זיך אָנטאָן,
אויף דער חתונה צו גיין.
אַלע קרובים פוצן זיך,
צו זיין דאָרטן שיין.

רינגעלעך און זייגערלעך,
און צירונג אָן אַ שיעור.
קלינגען זיי און רוישן זיי,
ווי נאָר מען גיט זיך אַ ריר.

אָט איז שוין די חתונה,
אין אויטאָס טוט מען פֿאָרן.
מען הערט ניט אויף צו פּייפֿן,
אויפֿן אויטאָס האָרן.

מען טרינקט לחיים,
מיט בראָנפֿן און מיט ווייַן.
מען ווינטשט חתן כלה,
גליקלעך זאָלט איר זייַן.

מען שמייכלט און מען לאַכט,
זינגט מען און מען טאַנצט.
דער חתן מיט דער כלה,
מיט בלומען ווערן באַקראַנצט.

דעצעמבער, 1950

דאָס פייער

אין אַ פינצטערער נאַכט,
חיימל געשלאָפן איז אין בעט.
טאַטע, מאַמע זיינען געווען וואַך,
ס'איז געווען זייער שפעט.

פלוצלונג, דער טאַטע דערזעט,
פון דיל רייסן זיך פלאַמען.
גיסן זיך פונאַנדער ווי אַ קייט
און פלאַקערן צוזאַמען.

געפלאַקערט האָבן אַלע פיר ווענט,
אַלע זיינען פון הויז ארויסגעגאַנגען.
דאָס הויז האָט געברענט,
מיט רויטע פייער זאַנגען.

אָט קומען די פייער לעשער,
אין די גרויסע רויטע מאַשינען.
די סירענעס וואָיען הויך,
די גלעקער שטאַרק קלינגען.

עס ציט זיך שוין אַ וואַסער קישקע,
הודזשעט וואַסער אויף די פלאַמען.
מענטשן קולות און געליאַרעם,
גיסן זיך אין איין געשריי צוזאַמען.

דאָס פייער ווערט קלענער און קלענער,
געבליבן נאָר איין פונק.
נאָך דאָרשטיק איז די שרפה,
נאָך אַביסל וואַסער, נאָך איין טרונק.

נאָך דעם גרויסן פייער,
וואָס האָט חײמלס הויז פֿאַרברענט.
איז געבליבן בלויז אַ קוימען,
מיט לעכערדיקע ווענט.

דערזען האָט חײמל דעם חורבן,
אויפגעהויבן האָט ער אַ געוויין.
וואו וועט ער איצט שלאָפן?
וואו וועט זיין זיין היים?

„קום חײמל אין מיין הויז!"
האָט אַ שכנה צו אים גערעדט.
היינט ביינאַכט וועט חײמל שוין שלאָפן,
אין אַ פרעמדן בעט.

1951

פ ר י ל י נ ג

אויף גרינע ביימער שטאַנגען,
פייגעלעך טרילן.
פידלען נאָטן זייערע געזאַנגען,
פון די נעסטן זיי שפּילן.
אין זון אונטערגאַנג הערן זיך ציף־ציף קלאַנגען,
פון פרימאָרגן דעם שטילן.
כאָטש דער טאָג טוט ערשט פאַרגייען,
זיי ווילן אים שוין ווידער זען.

מיט ציף־ציף זיי טאַנצן,
אויף ביימער און גראָזן.
די לופט מיט מוזיק זיי באַקראַנצן,
דער זוים פון הימל באַקליידט אין ראָזן.
שיידן זיך מיטן טאָג צווישן פרילינג פלאַנצן,
די זון שטראַלן זיי איבערלאָזן.
באַלד וועט דער טאָג ווידער קומען,
וועלן זיי זינגען צווישן גראָזן, און בלומען.

די פייגל פאַרשווינדן אין הימל בלויען,
די ביימער געבליבן אַליין אָן געזאַנג.
פאַרדעקט איז דער טאָג אונטער הימל גרויען,
געקומען די נאַכט אַזוי לאַנג.
וואַסער טראָפּנס אויף די בלעטער טויען.
באַלד וועט קומען אַ שטראַל, — אַ גאָלדענע זאַנג.
די זון וועט ווידער אויפגיין,
פייגל וועלן זיך צווישן פרילינג קנאָספּן פרייען.

1951

זומער

די זון וואַרפט אירע שטראַלן,
מיט זיי זיך זי שפּילט.
אויף דער ערד זיי פֿאַלן,
אַ פֿייגעלע אין בוים טרילט.

טוליען זיך די גרעזעלעך,
צוזאַמען מיט די בלומען.
שפּרינגען אום די העזעלעך,
בינעלעך זשומען.

קיין וואָלקן דאָרט דעם הימל פֿלעקט,
די זון ווערט ניט פֿאַרשטעלט.
הימל בלוי מיט זון באַדעקט,
עס ליכטיקט גאָר די וועלט.

קאָרן אין גאָלד זיך צעבליט,
די ביימער באַדעקט שוין מיט צוויט.
אין דעם צוויט פֿאַרבאָרגן,
ליגט די פֿרוכט פֿון מאָרגן.

הענגען די קאַרשן אויף שטענגעלעך דינע,
די שויטן שוין צייטיקע גרינע.
און באַלד וועלן פּויערן מיט געזאַנגען,
קומען און שניידן די צייטיקע זאַנגען.

וואַקסן די באַרן גרין-געל,
מען שניידט שוין דעם קאָרן אויף מעל.
מאָלט שוין די מיל די קערנער אויף ברויט,
וואַקסן די עפּל גרין-רויט.

די פּויערן וועלן אָפּרייסן פֿון צווייגן,
די עפּל און באַרן און טייטלען און פֿייגן.
זיי וועלן אַהיימגיין מיט פֿרוכט פֿולע קוישן,
מיט זייער געזאַנג וועט דער וואַלד זיך צערוישן.

1951

דער דונער און דער בליץ

ווען עס האָבן זיך די וואָלקנס צעקריצט,
האָבן זיך געשאַפן דער דונער און בליץ.
דער דונער און בליץ האָבן געלעבט צוזאַמען,
ווי צוויי ברידער פון איין מאַמען.
ווען די וואָלקנס האָבן זיך צעשטויסן,
האָט אָנגעהויבן גיסן אַ רעגן אין דרויסן.
דער בליץ האָט זיך געגעבן אַ צינד,
דער דונער האָט געהוליעט מיטן ווינט.
אַלע דריי האַנט אין האַנט,
האָבן געשטורעמט די ערד פון ראַנד צו ראַנד,
געדרייט די זאַמדן אונטער זייערע פיס.
האָט אַ לייכט געטאָן דער בליץ.
האָט זיך דער דונער מיט אים צעזונגען,
זיין קול האָט איבער הימלען געקלונגען.
דער ווינט האָט זיך צעוואָיעט אויף די שטערן,
נאָכגעפאָלגט די ברידער גערן.
ווי דריי ברידער אין אַ קייט,
האָבן זיי זיך אַ טראָג געטאָן אין דער ווייט.

דער דונער מיטן בליץ צוזאַמען,
האָבן זיך באַוויזן פאַר זייער מאַמען.
האָט זיך דער דונער צעדונערט אויפן קול:
„אַז איך שושקע, הערט מען אין ווייטסטן טאָל.
און אַז מיין ברודער צעלייכט דעם אַרום,
רעדט ער גאָרניט און בלייבט שטום.
ווען עס וועט קומען דער שטורעם און גערודער,
וויל איך דונערן פריער פון מיין ברודער“.
האָט זיך דער וואָלקן צערעגנט מיט איר שטים:
„דערפאַר וואָס דו ווילסט איבעריאָגן אים,
וועט דער בליץ באַלייכטן פריער די הימלען,
דערנאָך וועסטו לאָזן הערן דיינע שטימען“.

* * *

ווען די וואָלקנס טרעפן זיך צוזאַמען,
שמייסט דער בליץ פריער,
לויטן געבאָט פון דער מאַמען.

1951

אינהאלט

זײַט

ז. װײַנפּער — אהרן קרישטאַלקע ... V—VIII
שלום שטערן — אהרן קרישטאַלקע ... IX—XIV
עס שאַריעט אויף טאָג ... 1
פרילינג ... 2
האַרבסט ... 3—4
שניי ... 5
שלום ... 6
נאָכן רעגן ... 7
פרילינגדיק ... 8
פישער דאָרף ... 9—14
מתתיהוס צוואה ... 15—17
צום נצחון ... 18—19
דער ערשטער שניי ... 20
לעבן ... 21
פאַראויס פאָלק ... 22
מאונט־ראָיאַל ... 23—28
גוט מאָרגן דיר װעלט ... 29—33
די װעלט פון שלום ... 34
ישעיהו ... 35
װילי מעקגי ... 36—37
פאַסטאָר מען ... 38—39
נקמה ... 40—42
אַ טאָג אין געטאָ ... 43
קברים ... 44
פאַרגעסט ניט ... 45—46
געדענק ... 47—48
עס בלוטיקט קאָריע ... 49
די פּאַרטיזאַנערין פון קאָריע ... 50
צװײ מיליאָן ... 51
דער מאַמעס קול ... 52—53
עס טאָגט שוין ... 54

משלים

זייט

די הינט און די לבנה 57
די פרייהייט שעך .... 59—58
די באַן און די הינט .... 61—60
דאָס איזל און דאָס פערד .... 63—62
כפּרות .... 65—64
גאווה .... 67—66
וועקט אייך אויף 68
דער שטורעם .... 70—69
די שלאַנג און דער מאַנגאָז 71
פוקסיק פוקס .... 73—72
די זון און די וואָלקנס 74
די שטראָף .... 76—75

חיימלס וועלט

מיין ברודער 79
חיימלס חלום .... 81—80
דאָס פישל 82
צום נייעם שול יאָר 83
חיימלס פרייד 84
חנוכה .... 86—85
דער פראָסט 87
דער גרייז .... 89—88
שניי 90
חיימלס שפּילערייען 91
חיימלס צרות 92
דער שטיין רעדט .... 94—93
טענות פון אַ שוך 95
אלה תולדות ניקל .... 97—96
די חתונה .... 99—98
דאָס פייער .... 1—100
פרילינג 102
זומער 103
דער דונער און דער בליץ 104